STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01797

PARIZER HISTORISHE KURYOZN

Yehezkel Kornhendler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קאָרנהענדלער

פאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן

Ch. KORENCHANDLER

L'Esprit parisien à travers les siècles

שוין דערשינען פון זעלבן מחבר :

1) ווהין פירט אונדז י. ל. פרץ 1930

2) נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע־לואיזע 1934

3) אַלט פּאַריז 1936

4) אַ קול אין מדבר (דערציילונגען) 1936

5) פּרויען (דערציילונגען און איינאַקטערס) 1938

6) דער טויט פון ישו אין... פּוילן 1945

7) בריוו פון לעקטור (פיר יאָר נאַצי־הערשאַפט אין פראַנקרייך) 1947

8) אַלט פּאַריז (פאַרגרעסערטע אויסגאַבע. ערשטע און צווייטע טייל) 1948

9) אַ גאַסט פון יענער וועלט 1955

10) ראַשעל 1958

יחזקאל קאָרנהענדלער

פאריזער היסטארישע קוריאזן

פּאַריז.
תשכ"ה — 1965

"פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן"
פון יחזקאל קאָרנהענדלער. —
אַרויסגעגעבן דורכן מחבר מיט דער הילף פון
"פּאַריינים סאָציאַלן פאָנד" — הילע און צייכע־
נונגען פון בען — אַלע איבערזעצונגען פון די
פראַנצויזישע טעקסטן זענען געמאַכט געוואָרן
דורכן מחבר. אַדרעס פון מחבר:

Ch. KORENCHANDLER
36, av. du Général-Michel-Bizot, Paris-12e

Copyright by Ch. Korenchandler, Paris - 1965.

פּאַריז שמט איבער דער וועלט ווי די "ליכט־שטאָט"!

אַ שם וועלכן עס האָבן איר פאַרשאַפט די גע-וואַלטיק־רייכע גאונישן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין אירע מויערן און די גרויסע מענער, וואָס האָבן דאָ געלעבט, געשאַפן, געחלומט, גע־ליטן און געלאַכט.

דאָס לאַכן פון אירע גרויסע מענער און גייסט־רייכע קינדער שטעלט מיט זיך פאָר אַ זעלטן פייערווערק, וואָס בלענדט מיט וואונדערלעכע נשמה־פאַרבן און שפּילעוודיקער טיפקייט פון פראַנצוי־זישן הומאָר און חכמה.

עפּעס פון דער חכמה אין דער פאָרם פון היס־טאָרישע קוריאָזן איז דאָ איינגעזאַמלט געוואָרן פאַרן יידישן לייענער און ליבהאָבער פון דער "ליכט־שטאָט", פּאַריז.

דער מחבר.

געפונען אַ טרייסט...

דער דיקטער פראַנסואַ ווילאָן וואָס האָט גע־לעבט אין 15־טן י. ה. איז געווען ווייט פון צו זיין אַ צדיק, וואָרעם אַ חוץ אַ פּאָעט איז ער אויך געווען זייער אַנגעזען אין דער פּאַריזער... אונטערוועלט און פאַר אַזעלכע מעשים טובים איז ער טאַקע פאַרמשפּט געוואָרן צום אויפהענ־גען און בעת מען האָט אים געפירט צו דער תליה, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום עולם וואָס האָט אים אַרומגערינגלט:

— ס׳מאַכט נישט אויס... זאָל אַ מאָל דער קאָפּ פילן, וויפל דער הינטן וועגט!



ער מישט זיך נישט.

ווילהעלם (גיאָם) בידע, איינער פון די גרויסע פראַנצויזישע אינטעלעקטואַלן פון 16־טן י. ה. איז געזעסן אָפּגעשלאָסן אין זיין קאַבינעט, פאַר־טיפט אין שטודירן די גריכישע שפּראַך.

אין דעם מאָמענט האָט די דינסט האַסטיק אויפגעריסן די טיר פון זיין אַרבעטס־צימער:

— בעל־הבית — אַ פייער איז אויסגעבראָכן אין דער קיך!

דער געלערנטער, וועמען עס האָט אויף קיין פאַל נישט געגלוסט זיך אָפּצורייסן פון זיינע בי־כער, האָט איר געענטפערט:

— טוט וועגן דעם צו וויסן מיין פרוי. איר ווייסט דאָך, אַז איך מיש מיך נישט אין די קיך־זאַכן!



דער טרויעריקער סוף פון
אַ פריילעכן אָנהויב.

צווישן די באַרימטהייטן וואָס האָבן אַ מאָל באַ־ווינט דעם פּרעכטיקן פּאַריזער האָטעל קליני (היינטיקער מוזיי) געפינען מיר אויך די אלמנה פון לודוויק דעם צוועלפטן.

זי איז געווען די שוועסטער פון ענגלישן קעניג הענריך דער אַכטער און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מאַרי פון ענגלאַנד.

דער קעניג לודוויק דער צוועלפטער האָט זייער אַכטונג געגעבן אויף זיין געזונט און געפירט אַן אָפּגעהיט לעבן, האַלטנדיק זיך אין אַן אָנגענומען און דאַן זייער פאַרשפּרייט ווערטל, וואָס האָט געלערנט:

אויפשטיין אום פינף, פרישטיקן אום ניין,
אָוונט־ברויט אום פינף, לייגן זיך אום ניין!
וועט מען לעבן ניינציק און ניין!

האָט טאַקע דער קעניג דערלעבט צו ניינציק און ניין?

ווייט נישט!

אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער ענגלישער פרינצעסין, איז ער אַלט געווען 53 יאָר און די כלה סך הכל נאָר 16 יאָר.

דאָס יונגע ווייבל האָט גלייך אַ סוף געמאַכט צו דעם אָפּגעהיטענעם און רעגולערן אופן פון זיין פירונג, אַזוי אַז דער קעניג איז אַוועקגע־שטאָרבן אינגאַנצן דריי חדשים נאָך דער חתונה מיט דער טעמפּעראַמענטפולער ענגלענדערין.

מכוח אַ ריכטער.

אַנרי עטיען (עסטיען) וואָס האָט געלעבט אין 16־טן י. ה. אַ פילאָלאָג, שרייבער און דרוקער, דערציילט אין זיינע ווערק וועגן אַ פּאַריזער ריכ־טער, וואָס האָט בעת די משפטים זיך באַנוצט נאָר מיט איין און איינציקער פאָרמולע:

אויב דער שולדיקער איז געווען אַ זקן, פלעגט דער ריכטער אויסרופן:

— הענגען, הענגען אים! ער האָט שוין גענוג געברענגט אויף דער וועלט אַזעלכע ווי ער אַליין איז.

קוים איז דער שולדיקער געווען יונג, פלעגט ער אויסרופן:

— הענגען, הענגען אים! וואָרעם ער וועט ברענגען אויף דער וועלט נאָך אַ סך אַזעלכע ווי ער אַליין איז.

מכוח אָפּשטאַמונג.

דער בישאָף פּיער דישאַטעל (געב. 1480) האָט געהערט צו די זייער געבילדעטע מענטשן פון זיין צייט. צו 16 יאָר איז ער שוין געווען אַ לערער פון גריכיש און לאַטיין. ער איז געווען אַ גאָר גרויסער רייזנדער און דער פּערזענלעכער לעקטאָר פון קעניג פראַנסואַ דעם ערשטן, וואָס האָט אים אויך נאָמינירט אַלס בישאָף פון דער שטאָט טיל.

ערב דער נאָמינאַציע פרעגט דער מלך ביים געלערנטן.

— שטאַמט איר כאָטש אָפּ פונעם אַדל?

— מלך — האָט דער געלערנטער אויפגע־קלערט — נח האָט געהאַט מיט זיך אין דער תיבה זיינע דריי זין, שם, חם און יפת. איך קען אייך ליידער נישט זאָגן פון וועלכן פון די דריי איך שטאַם אָפּ!

דער סוף פון אַ מתּנה.

אין דער רי זשאָפּרואַ ל׳אַניע נומ. 26 געפינט זיך אַן אַלטער האָטעל וואָס ציט די אויפמערק־זאַמקייט פון די פאַרבייגייער צוליב זיין שיין גע־שניצט טויער, באַדעקט מיט פּרעכטיקע סקולפּ־טור־באַפּוצונגען פון 17־טן י. ה.

אין יאָר 1608 איז דער האָטעל געווען דאָס אייגנטום פון אַריסטאָקראַט אַנטואַן לעפעוור, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון ענגלאַנד, ווו ער איז אין פאַרלויף פון צען יאָר צייט געווען דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר.

אַנטואַן לעפעוור האָט מיטגעברענגט מיט זיך גאַנצע הונדערט און פופציק פערד, באַקומענע אַלס מתּנה ביים פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

מען האָט געדאַרפן האָבן פאַר די פירפיסיקע באַשעפענישן אַ סך פּלאַץ און עפּעס פאַר זיי צו נעמען אין מויל אַריין...

דער אַריסטאָקראַט האָט זיך נישט געקענט קיין עצה טאָן מיט דער מתּנה און אָנגעהויבן טיילן פערד צו זיינע באַקאַנטע און פריינד, ביז ער איז לסוף געבליבן ביי איין און איינציק פערד. נאַטיר־לעך אַז ער האָט זיך איבערגעלאָזט אַ צאַצקע, אַ זעלטענעם עקזעמפּלאַר.

און אָט, רייטנדיק אויף דעם פּרעכטיקן פערד, דאָס לעצטע פון דער באַקומענער מתּנה, טרעפט ער זיך מיטן קעניג;

— איז וואָס, מיין פריינד — האָט הענריך דער פערטער זיך צו אים געווענדעט — בין איך הייסט עס דער איינציקער, וועמען איר גיט נישט קיין מתנה?

דער אַריסטאָקראַט לעפעוור האָט זיך געצוווּנגען צו שמייכלען און אַוועקגעשאָנקען דעם קעניג דאָס לעצטע, דאָס סאַמע שענסטע פערד, וואָס ער האָט געגלויבט צו לאָזן פאַר זיך.

און דער חשבון איז געווען צדק.



מען זאָל נישט מיינען.

דער פירשט סילי, הענריך דעם פערטנס באַ־רימטער פינאַנץ־מיניסטער, איז שוין אַלט גע־ווען 74 יאָר, ווען ער האָט אין יאָר 1634 אָפּ־געקויפט און זיך אַריינגעצויגן אין דעם שיינעם, היינט צו טאָג פיין רעסטאַווּרירטן פּאַריזער האָ־טעל, וואָס טראָגט טאַקע זיין נאָמען.

ער האָט דאָ געוווינט מיט זיין צווייטער פרוי, וואָס איז געווען אַ סך יינגער פון אים און וועלכע האָט אָפט געטוישט אירע געליבטע און ווייל זי גופא, איז שוין אויך נישט געווען יונג, האָט זי אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף אירע קאַוואַלירן...

אָבער נישט נאָר האָט דער עולם אַרום, גע־ווּסט וועגן דער פירונג פון דער פירשטין, נאָר דער פירשט גופא האָט דערפון אויך געוווּסט און כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון אָפּגענאַרטע מענער, פלעגט ער זייער אָפט, ביים געבן איר געלט, זוכן, אַז דאָס זאָל געשען אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע;

דאַן האָט ער בכיוון גערעדט הויך, אַז איטלע־כער אַרום זאָל הערן:

— מאַדאַם, אָט האָט איר געלט פאַר דער ווירטשאַפט, אָט האָט איר געלט פאַר אייך און דאָ האָט איר געלט פאַר אייערע געליבטע...

גוט און שלעכט.

דער קאַרדינאַל רישעליע וואָס האָט אָנגעפירט די פראַנצויזישע מלוכה־פּאָליטיק ביד חזקה, האָט געהאַט אַ סך שונאים צווישן דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געזוכט צו שטילן איר פאַרדרוס אויף דעם מיניסטער דורך חוזק׳ן פון אים הינטער די פּלייצעס, פאַרשטייט זיך.

אַ געוויסן טאָג האָט מען וועגן אַלמעכטיקן רי־שעליע פאַרשפּרייט שורות, וואָס דאַרפן כלומרשט, נאָך זיין טויט, פיגורירן ווי אַן עפּיטאַף אויף זיין קבר:

דאָ ליגט אַ באַרימטער קאַרדינאַל

וואָס האָט געטאָן גוטס און שלעכטס.

דאָס גוטע האָט ער געטאָן שלעכט.

דאָס שלעכטע האָט ער געטאָן גוט!

דער האַר און דער דינער.

ס׳איז באַוווסט די גרויסע ראָלע וועלכע דער קאַרדינאַל רישעליע האָט געשפּילט אין פאַרלויף פון אומגעפער צוואַנציק יאָר צייט, אונטער דער הערשאַפט פון לודוויק דעם דרייצנטן; מען האָט געהאַלטן אַז נישט דער קעניג באַלעבאַטעוועט איבער זיין מיניסטער דעם קאַרדינאַל, נאָר אַז עס איז פונקט פאַרקערט, אַז דער קאַרדינאַל באַלעבאַטעוועט איבערן קעניג.

און ווען לודוויק דער דרייצנטער איז אין יאָר 1643 געשטאָרבן, האָט מען אין פאַריז זיך גע־ווויצלט, אַז מען גייט אויף זיין קבר אַוועקשטעלן פאָלגנדיקן עפּיטאַף:

דאָ ליגט אונדזער קעניג, אונדזער מלאך
וואָס איז געווען צוואַנציק יאָר אַ לאָקיי ביי אַ גלח.

דער קאַרדינאַל, די שרייבערין און די קאַץ.

מאַדמואַזעל דע גורנע, אַ שרייבערין וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1645 אין עלטער פון 80 יאָר, איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור צוליב איר אינטערעס פאַרן הומאַניסט מישעל מאָנטעין, וועמענס סעקרעטאַרין זי איז געווען ביי זיין לעבן און וועגן וועמענס ווערק זי האָט געזאָרגט און פובליצירט נאָך זיין טויט.

זי איז געווען זייער גוט געזען אין קעניגלעכן הויף און גאָר ספּעציעל האָט איר געשעצט דער קאַרדינאַל רישעליע.

איין מאָל, שמועסנדיק מיט דער מאַדמואַזעל דע גורנע, איז רישעליע געוואָרן אויפמערקזאַם אויף איר אָרעמקייט און פאַראָרדנט מען זאָל די שרייבערין אַרויפשטעלן אויף דער ליסטע צו באַקומען אַ יערלעך געהאַלט פון צוויי הונדערט קראָן.

— זי האָט אויך אַ דינסט... — האָט דער סעקרעטאַר שטיל באַמערקט.

— שרייבט צו פופציק פונט יערלעך פאַר דער דינסט.

— ס׳איז אויך פאַראַן די ״מאַדאַם פאַיאַן״, איר קאַץ.

— שרייבט צו צוואַנציק פונט יערלעך פאַר דער קאַץ.

— די ״מאַדאַם פאַיאַן״ האָט אויך אַ קליין קעצעלע...

— און אַ פּיסטאָל פאַרן קעצל!



דאָס ריכטיקע מיטל.

די געשיכטע פון דער פּאַריזער "נייע בריק" וואָס שטאַמט נאָך פון 16־טן י. ה. איז זייער אַ רייכע: זי איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ צענטער פאַר הענדלער, אַקראָבאַטן, אַקטיאָרן, פאַר קינסט־לער, פאַר רעוואָלוציאָנערן, און אויך... פאַר טונ־קעלע פּאַרשוינען.

אַ געוויסן טאָג האָט אַ פּאַריזער אָפּלאַכער פון דעם לייכטגלויביקן עולם, וואָס לאָזט זיך אָפּנאַרן פון פאַרשידענע שווינדלער, זיך אַוועק־געשטעלט דאָרט מיט עפּעס אַ ווייסן פּודער אויף צו פאַרקויפן און נעבן זיך האָט ער אַוועקגע־שטעלט אַן אויפשריפט, וואָס האָט אַזוי אָ רע־קלאַמירט זיין סחורה:

אַ וווּנדערלעכער פּודער
וואָס גיט חכמה דעם נאַר,
כבוד דעם שווינדלער,
אומשולד דעם שולדיקן,
געליבטע צו אַלטע פרויען
און וויסן צו די עם הארצים!

נאַס און טרוקן.

דער קאַוואַליר מאָראַן וואָס האָט נישט זייער ליב געהאַט די דיכטונג פון פראַנצויזישן פּאָעט מאַלהערב (17־טער י. ה.) איז געקומען אַ מאָל אים באַזוכן צוליב עפּעס אַן ענין און אים אָנגעטראָפן זייער פאַרקילט און פאַרקאַטערט, מיט אַ טיכל וואָס ער האָט כסדר געמוזט האַלטן ביי דער נאָז און מויל.

נאָכן וויזיט האָט דער קאַוואַליר מאָראַן דערציילט:

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מענטשן וואָס זאָל זיין אַזוי נאַס און אַ דיכטער וואָס זאָל זיין אַזוי טרוקן...

אַ נוצלעכע באַמערקונג.

ווען לודוויק דער פערצנטער איז סך הכל אַלט געווען 15 יאָר, האָבן אייניקע הויף־לייט, בעת אַ שמועס, אים דערציילט וועגן דער אומבאַגרע־נעצטער מאַכט פון אַ ריי טערקישע סולטאַנען.

דאָס יינגל איז געווען אַנטציקט פון הערן די געשיכטעס און מערערע מאָל אויסגערופן:

— דאָס הייסט קעניגן, אַזוי פאַרשטיי איך!

הערנדיק די דאָזיקע אַנטציקונגס־אויסגעשרייען פון יונגן קעניג, האָט איינער פון זיין סוויטע, דער מאַרשאַל ד'עסטרע זיך אָפּגערופן:

— אייער מאַיעסטעט דאַרף אָבער אויך וויסן, אַז צוויי אָדער דריי פון די דאָזיקע סולטאַנען זענען אומגעקומען, דערשטיקטע דורך זייערע נאָ־ענטע מענטשן!...

דער ענטוזיאַזם פון יונגן קעניג איז גלייך אַראָפּגעפאַלן.

אַ קאַפּריז פון אַ האַר.

לודוויק דעם פערצנטן האָט זיך אַ מאָל פאַר־גלוסט אָנצושרייבן אַ... פּאָעמע.

גלייך דערנאָך האָט ער אַ זוך געטאָן אַרום זיך אַ "מבין" אויף פערזן און זיך אָנגעשטויסן אויף דעם באַרימטן מעמואַריסט, דעם פירשט סען־סימאָן.

— פירשט! — האָט לודוויק דער פערצנטער אויסגערופן — כ'האָב אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, לייענט זי דורך און זאָגט מיר אייער מבינות.

סען־סימאָן האָט אָנגעהויבן לייענען, פילנדיק אויף זיך די בליקן פון קעניג.

די שטימונג ביים לייענער איז געוואָרן שווער; דער קעניג איז טאַקע געווען אַלמעכטיק, אָבער זיינע פערזן זענען געווען אומבאַהאָלפן.

— באמת, ס'איז גאָרנישט פאַראַן קיין זאַך וואָס אייער מאַיעסטעט זאָל נישט קענען — האָט זיך דער פירשט לסוף אָפּגערופן — איך זע, אַז דער קעניג האָט געוואָלט אָנשרייבן אַ זייער שלעכטע פּאָעמע, איז עס אים וווּנדערבאַר גע־ראָטן...

זיך שפּעט אַרומגעזען.

קאָלבער, דער באַרימטער מיניסטער פון לוד־וויק דעם פערצנטן, האָט געהאַלטןביים שטאַרבן. מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער קעניג האָט מערערע מאָל געשיקט פרעגן וועגן זיין געזונט.

— זאָל מען צו מיר נישט רעדן מער וועגן דעם מענטשן — האָט קאָלבער אָנגעזאָגט — ווען איך וואָלט געטאָן פאַרן רבונו של עולם דאָס, וואָס איך האָב געטאָן פאַרן קעניג, וואָלט איך איצט נישט געדאַרפן מיך אַזוי שרעקן פאַר מיין נשמה!...



דער ענטפער פון פילאָזאָף.

דעקארט איז אַ מאָל געווען איינגעלאַדן אויף אַ רייכער סעודה און האָט געגעסן מיט אַ סך אַפּעטיט.

זעענדיק אים אַזוי פאַרטאָן אין דער אכילה, פאַרזוכנדיק פון אַלע גוטע און זיסע זאַכן, האָט דער אַריסטאָקראַט, דער פירשט דיראָס זיך צו אים געווענדעט:

— הייסט עס, אַז פילאָזאָפן פאַרזוכן אויך פון אַלע גוטע זאַכן?

— פאַרוואָס נישט? — האָט דעקארט געענט־פערט — מיינט איר טאַקע אַז די נאַטור האָט די אַלע גוטע מאכלים באַשאַפן נאָר פאַר די עם הארצים?



אַ ביישפּיל.

דער קעניגלעכער הויף אונטער לודוויק דעם פערצנטן, האָט געשמ׳ט מיט זיינע באַרימטע פּייע־רונגען, גרויסע צערעמאָניעס און אַריסטאָקראַטי־שע מאַנירן.

און דאָך איז די מאַדאַם לאַנגוויל, איינע פון די באַרימטסטע אַריסטאָקראַטישע פרויען פון יענער צייט, געווען אומצופרידן מיט די פּירונגען וועל־כע זי האָט באַוויזן זיך דאָרט אָנצוזען און זיך געהאַלטן ווייט פון קעניגלעכן הויף.

מען האָט איר צוגערעדט דווקא יאָ צו קומען אין ווערסאַל, כדי מיט איר זעלטן שיינער האַל־טונג זיין אַ ביישפּיל פאַר איטלעכן.

— איך קען זיי נישט געבן קיין בעסערן ביי־שפּיל, ווי מיט האַלטן זיך פון דאָרט וואָס ווייטער

— האָט די אַריסטאָקראַטישע פרוי געענטפערט.

שאַ, שטיל!

דער דיכטער און מחבר פון אַ ריי בורלעסקע טעאַטער־ווערק סקאַראָן וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1660 אין עלטער פון נאָר פופציק יאָר, איז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געלעגן פולשטענדיק דעפאָרמיר׳ט און פאַרקריפּלט צוליב אַ שווערן ר׳עוומאַטיזם. ער האָט אַפילו נישט געקענט זיך קיין באַוועג טאָן און צוליב זיינע גרויסע ווייטיקן האָט ער אַפילו פאַרלויר׳ן דעם שלאָף.

לאַכנדיק ביטער איבער זיין אומבאַהאָלפנקייט, האָט ער געהייסן מען זאָל אָנשרייבן אויף זיין מצבה פאָלגנדיקע שורות:

פאַרבייגייער, מאַך נישט קיין גערויש.

זע, גיב אַכטונג, וועק אים נישט אויף.

ס׳איז איצט די סאַמע ערשטע נאַכט

אַז דער אָר׳עמער סקאַראָן איז נישט וואַך!

דער חולה און דער רופא.

מאָליער האָט אָנגעהויבן צו לײדן אויף די לונגען און געמוזט אָנקומען צו דאָקטוירים, אַ זאַך וואָס ער האָט זייער נישט ליב געהאַט.

איין מאָל, בעת דער קינסטלער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס און עקשנותדיק זיך אָפּגעהאַלטן פון רופן דעם דאָקטאָר, האָבן די שטוביקע, שטאַרק באַאומרואיקט, פון אייגענער איניציאַטיוו געבעטן דעם רופא קומען, נישט דערציילנדיק וועגן דעם דעם קראַנקן.

ערשט ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט מען וועגן דעם מיטגעטיילט דעם קראַנקן שרייבער און אים געבעטן זיך לאָזן אונטערזוכן.

— גיט איבער דעם דאָקטאָר — האָט מאָליער געבעטן — אַז איך אַנטשולדיק מיך שטאַרק, וואָס איך קען אים איצט נישט אויפנעמען. כ׳פיל מיך היינט זייער, זייער נישט גוט!



אַ געשיכטע פון אַ ליבע.

אין יאָר 1866 האָט מען אין פּאַריז געלייגט דעם בולוואַר וואָס טראָגט דעם נאָמען פון הענ־ריך דעם פערטן.

בעתן גראָבן די ערד האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פונדאַמענט פון אַן אַלטן האָטעל, וואָס האָט אַמאָל אָנגעהערט צו אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע זאַמעט און דערביי האָט מען אויך גע־פונען אַ קליין, שיין קבֿרל פון אַ... קאַץ, וואָס איינע פון די אַמאָליקע באַוווינערינס פון דעם האָטעל, די אַריסטאָקראַטישע דאַמע פראַנסואַז דע גאָנדי, האָט אין יאָר 1695 געלאָזט אויפשטעלן פאַר דעם באַשעפעניש.

אויף דעם געפונענעם קבֿר'ל האָט מען געקענט לייענען איינציקע פערזן, וואָס וואָלטן זיכער נישט זייער געפעלן דעם מאַן פון דער אַריסטאָקראַטי־שער דאַמע אויב... זי האָט נאָר געהאַט אַזאַ איינעם.

די אויפשריפט איז געווען פאָלגנדיקע:

דאָ ליגט אַ קאַץ אַ שיינע.

איר בעל־הביתטע, וואָס האָט נישט געליבט קיינעם,
האָט איר געליבט ביז אומזין.

צוליב וואָס די רייד? זעט, וואָס זי האָט פאַר
איר געטאָן!



אַ נישט אויסגעפֿאָלגטע עצה.

אין 17־טן י. ה. האָבן די יעזואיטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פראַנקרייך; הענריך דער פערטער, לודוויק דער דרייצנטער און לודוויק דער פערצנטער האָבן געהאַט גלחים־יעזואיטן אַלס זייערע גייסטלעכע. דער לעצטער פון די אויס־געדעכנטע קעניגן, האָט טאַקע געהאַט אַלס גייסט־לעכן דעם גלח לאַ שעז, וועלכן וואָלטער האָט שפּעטער ביטער אַרונטערגעריסן אין איינע פון זיינע מעשה׳לעך, אַרויספירנדיק אים ווי אַ גאָר נישקשהדיקן צבועק.

ווען דער גלח לאַ שעז האָט אין יאָר 1709 געהאַלטן ביים שטאַרבן, איז לודוויק דער פערצנ־טער געקומען אים זען און זיך מיט אים געזע־גענען.

לאַ שעז האָט זיך דאַן געווענדעט צום קעניג:

— אייער מאַיעסטעט! נאָך מיין טויט זאָלט איר נישט נעמען מער אַלס אייער גייסטלעכן קיין יעזואיט...

זעענדיק די שטוינונג וואָס די רייד זיינע רופן אַרויס ביים קעניג, האָט דער גוסס צוגעגעבן:

— פרעגט מיך נישט קיין קשיות. כ׳וועל נישט ענטפערן...

טראָץ דער דאָזיקער לעצטער עצה האָט לוד־וויק דער פערצנטער, נאָכן גלח׳ס טויט, ווידער זיך גענומען אַלס גייסטלעכן, אַ יעזואיט.

בעת אַן אויספאָרשונג.

אין די סאַמע לעצטע יאָרן פון זיין לעבן (גע־שטאָרבן אין יאָר 1716 אין עלטער פון אַריבער הונדערט יאָר) האָט דער שרייבער און שײנגייסט זשאַן קאַרבינעלי פאַרברענגט אַמאָל אין אַ גע־זעלשאַפט, ווו מען האָט, בעתן אונטערהאַלטן זיך איראָניזירט און געזונגען סאַטירע־לידער אויפן חשבון פון דער באַרימטער קוריטזאַנע, די מאַדאַם מענטענאָן, מיט וועמען לודוויק דער פערצנטער האָט חתונה־געהאַט אין געהיים.

דער ענין איז דערגאַנגען צום פּאָליציי־מיניס־טער ד׳ארזשענסאָן וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם שרייבער.

— ווו האָט איר פאַרברענגט דעם און דעם אָוונט? — האָט אים דער פּאָליציי־שעף גע־פרעגט.

— כ׳דערמאָן מיך נישט — האָט דער זקן געענטפערט.

— האָט איר נישט אַמאָל פאַרברענגט דעם אָוונט דאָרט און דאָרט?

— כ׳קען עס מיך אויף קיין פאַל נישט דער־מאָנען.

— האָט איר דאָרט נישט געהערט זינגען געֿוויסע לידער?

— ליידער דערמאָן איך מיך גאָרנישט וועגן דעם.

— איך מיין אַז אַזאַ מענטש ווי איר וואָלט געדאָרפֿן ענטפֿערן נישט אַזוי ווי איר ענטפֿערט!

— ס׳איז מעגלעך, הער מיניסטער, נאָר געֿפֿינענדיק זיך פֿאַר אַזאַ מענטש ווי איר, בין איך נישט מער אַזאַ מענטש ווי איך.

מכוח קאָלירן.

היאַצאַנט ריגאָ (געלעבט אין 17־טן און 18־טן י. ה.) האָט געהערט צו די סאַמע באַרימטסטע פּאָרטרעטיסטן פון זיין צייט. זיינע ווערק שמ׳ען מיט דער געוואַלטיקער ענלעכקייט צו די דורך אים געמאָלטע פּערסאָנאַזשן.

אַ טאָג האָט ער פאַרענדיקט אַ באַשטעלטן פּאָר־טרעט פון אַ שוין גאָרנישט יונגער דאַמע, וואָס איז ווייט נישט געווען צופרידן מיטן בילד צו־ליב די מאָסע קנייטשן, וועלכע זי האָט געזען אויף איר פּנים.

— אוודאי — האָט די דאַמע באַשטעטיקט — דער פּאָרטרעט איז באמת פיין. אוודאי דערקענט מען מיך גלייך, אָבער, אויפריכטיק גערעדט, גע־פעלן מיר נישט די... פאַרבן — האָט זי פּרובירט פאַרבאַהאַלטן די אמתע סיבה פון איר אומצו־פרידנקייט.

היאַצאַנט ריגאָ, וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין אומבאַרעכטיקטע קריטיק, האָט אַ ווײַלע באַ־טראַכט דאָס געזיכט פון דער דאַמע און זיך אָפּ־גערופן:

— איר פאַרשטייט, מאַדאַם, דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר קויפן נישט די פאַרבן ביים זעלבן סוחר.

מכוח אַ ווינונג.

צוליב אַ קאָנפליקט וואָס דער יונגער וואָלטער האָט געהאַט מיטן אַריסטאָקראַט דע ראַהאַן, האָט מען דעם שרייבער איינגעזעצט אין דער באָס־טיליע.

דאָרט זיצנדיק, פאַרענדיקט ער זיין ערשטע טראַגעדיע "עדיפ", וואָס האָט אַ גרויסן דערפאָלג. די פּיעסע געפעלט אויך שטאַרק דעם רעגענט וואָס האָט דאַן געהערשט איבערן לאַנד און דער־ווייסנדיק זיך, אַז דער מחבר זיצט אין דער באַסטיליע, צוליב עפּעס דאָרט אַ סכסוך, האָט ער באַפוילן מען זאָל דעם יונגן שרייבער גלייך באַפרייען און אים ברענגען צו זיך אין פּאַלאַץ.

דער רעגענט הייסט אויסצאָלן וואָלטערן אַ גרע־סערע סומע געלט און קלאַפּנדיק אים אין דער פּלייצע, זאָגט ער צום שרייבער:

— יונגערמאַן, איך וועל זאָרגן וועגן אייך!

וואָלטער רופט זיך דאַן אָפּ:

— איך בין זייער דאַנקבאַר, אייער האָכהייט, פאַר אַלעם וואָס ער באַווייליקט צו טאָן פאַר מיר. איך וועל אָבער זייער בעטן, נישט צו זאָרגן פאַר מיר מכוח אַ ווינונג...



דער קעניג און דער רבונו של עולם.

אין דער רי מופטאר געפינט זיך אַן אַלטע קירכע וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען סען מעדאַר.

אין 18־טן י. ה. האָט זיך ביי דער קירכע גע־פונען אַ קליינער בית עולם אויף וועלכן מען האָט אין יאַנואַר 1732 מקבר געווען אַ יונגן גלח פראַנסואַ דיאַקאָן, וואָס איז געשטאָרבן אַן אויס־געשעפּטער פון תעניתים.

גלייך נאָך דער קבורה האָבן זיך איבער פּאַריז פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַזביים קבר פון יונגן גלח געשעען נסים: אַז אַ בלינדער האָט אָנגעהויבן זען, אַ שטומער רעדן א. א. וו. מען האָט אָנגעהויבן לויפן צום קבר, ברענגען קראַנקע און עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן טאָן חושך; אַ געדראַנג, אַ שטופּעריי און אפילו געשלעגן, כדי צו קענען צוקומען. פון טאָג צו טאָג איז די צאָל קראַנקע געוואָרן צאָלרייכער און דער טומל גרעסער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, דעם 29־טן יאַנואַר פון דערמאנטן יאָר, אַז די מאַסן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען, האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם קבר אָפּגעצוימט מיט אַ פּלויט, וועלכן מען האָט אויפ־געשטעלט ביינאַכט און פּאָליציי, וואָס האָט באַ־וואַכט דאָס אָרט און נישט צוגעלאָזט מער קיינעם.

דעמאָלט האָט אויף דעם פּלויט זיך באַוויזן

אַן אויפשריפט, געמאַכט דורך אַן אומבאַקאַנטער האַנט, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

מצד דעם קעניג —
אַ פאַרבאָט צו גאָט,
ר׳זאָל ווייזן נסים
אויף דעם אָרט!

געזוכט דאָס גן עדן.

אַנהויב 18־טן י. ה. האָט די גרעפֿין וועריִ, אַ יונגע אַלמנה אין די דרייסיקער יאָרן, געשמ׳ט אין פּאַריז מיט איר רייכקייט, אינטעליגענץ, שיינקייט און אויך מיט איר סאַלאָן, וואָס איז געווען אַ טרעף־אָרט פֿאַר קינסטלער און בכלל פֿאַר מענטשן פֿון גייסט.

די שיינע גרעפֿין וועריִ איז אין אירע גאָר יונגע מיידלשע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין אַ מאָנאַסטיר, אין וועלכן זי איז געהאַלטן געוואָרן געוואַלטיק שטרענג. דערפֿאַר האָט זי אין אירע רייפֿע יאָרן געזוכט אָפּצונעמען די פֿאַרלוירענע צייט און צוליב דעם טאַקע, באַקומען דעם צונאָמען "די דאַמע פֿון פֿאַרגעניגן".

פֿאַרן טויט, זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1736 אין עלטער פֿון 66 יאָר, האָט זי אייגנהענטיק אָנגעשריבן פֿאָלגנדיקע שורות פֿאַר איר מצבה:

דאָ ליגט אין טיפֿער רואיקייט
"די דאַמע פֿון פֿאַרגעניגן";
ס׳גן עדן, האָט זי געזוכט אויף דער וועלט,
דורכן אָפּהאַלטן ליבע־זיגן.



די זקנה און דער קאָנטראַבאַנדיסט.

דער פּלאַץ פון האָטעל דע וויל האָט אַן אויס־טערליש־רייכע געשיכטע, וואָרעם פון 14־טן י. ה. אַן ביז צום יאָר 1830, זענען דאָ אויסגעפירט גע־וואָרן מאַסן טויט־אורטיילן און די ערד זיינע איז דורכגעווייקט מיט בלוט פון הונדערטער מענטשן.

אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, ווען פאַר־ווײלונגס־מעגלעכקייטן זענען געווען אַזוי נעבעכ־דיק ווייניק, פלעגן די עקזעקוציעס צוציען גרויסע פאַריזער מאַסן, וואָס האָבן געוואָלט צוזען דאָס אויספירן די טויט־אורטיילן.

צווישן דעם פאַריזער פאָלק האָט געלעבט אַ גלויבן, אַז אין פאַל ווען אימעצער פון המון וואָס רינגלט אַרום דעם עשאַפאָט, איז גרייט חתונה צו האָבן מיט דעם צום טויט־פאַרמשפּטן, לאָזט מען אים פריי... און מען גיט אים איבער אין די הענט פון רעטער. אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט ווערט דערציילט וועגן אַ יונגן און שיינעם צום טויט־פאַרמשפּטן קאָנטראַבאַנדיסט, וואָס איז זייער געפעלן געוואָרן אַן אַלטער און שוין ווייט נישט קיין שיינער פרוי, וואָס איז געקומען צוזען די עקזעקוציע; דערזעענדיק זיין יונגקייט און שיינקייט, האָט זי שטאַרק רחמנות באַקומען אויף אים און געפאָדערט מען זאָל איר אַרויסגעבן דעם יונג אויף חתונה האָבן מיט אים.

דערזעענדיק די זקנה, האָט דער יונגער קאָנטראַ־

באַנדיסט אַ זאָג געטאָן צום תליון:

— מיין טייערער, העגג מיך שנעל אויף. דער שידוך געפעלט מיר נישט!



גאָרנישט...

דער היינט פאַרגעסענער פראַנצויזישער פּאָעט און מחבר פון אַ ריי טעאַטער־פּיעסן אַלעקסיס פּיראָן, וואָס האָט געלעבט אין 18־טן י. ה. איז געווען זייער באַרימט אַלס עפּיגראַמען־שרייבער; אַ ליידנשאַפט צוליב וועלכער ער האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין. טראָץ זיין אויסחוזק'ן די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע, וועגן וועלכער ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז "זיי זענען פערציק און האָבן שכל פאַר פיר", איז ער אין יאָר 1753 אַליין אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס אומשטערבלעכער. אָבער לודוויק דער 15־טער, וואָס האָט געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף דעם פּאָעט, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ראַטיפיצירן דעם אויסוואַל און פּיראָן איז געבליבן מחוץ פון דער יחוסדיקער אינסטיטוציע.

זוכנדיק זיך נוקם צו זיין אינעם קעניג און אין די אַקאַדעמיקער גופא, פאַר זייער הכנעה־דיקער האַלטונג, האָט אַלעקסיס פּיראָן פון פאָרויס באַקאַנט געמאַכט פאַלגנדיקן עפּיטאַף, וואָס ער וויל כלומרשט האָבן אויף זיין מצבה:

דאָ ליגט פּיראָן, וואָס איז געווען, גאָרנישט!

אַפילו קיין אַקאַדעמיקער נישט!

אייגענער און פרעמדער שכל.

לא בורדאנע, איינער פון די באַדייטנדיקע פראַנצויזישע פלאַט־אָנפירער פון 18־טן י. ה. וואָס האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין די קאָלאָניאַלע מלחמות, איז לסוף (אפשר צוליב זיין רייכקייט) באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרראַטן די פראַנצויזישע אינטערעסן אין אינדיען און איז איינגעזעצט געוואָרן אין דער באַסטיליע.

בעת דער אויספאָרשונג האָט מען אים געפרעגט:

— ווי קומט עס וואָס איר האָט אייערע פערזענלעכע אינטערעסן געפירט אַזוי גוט און די קאָלאָניע־אינטערעסן אַזוי שלעכט?

— מיינע פערזענלעכע אינטערעסן — האָט לא בורדאנע געענטפערט — האָב איך געפירט לויט מיין אייגענעם שכל און די קאָלאָניע־ענינים האָב איך געפירט לויט דעם שכל פון דער קאָלאָניע־אָנפירונג.

ערשט אין הערבסט.

דער סקולפּטאָר בושאַרדאָן האָט אַ מאָל איינגע־לאַדן אין זיין אַטעליע די מאַרקיזע ד׳עספּאַרבע, אַ געליבטע פון לודוויק דעם פופצנטן, וואָס האָט געשמ׳ט מיט איר אינטעליגענץ.

כדי חלילה נישט צו ״קוועלן״ דאָס צניעות־דיקע געפיל פון דער מאַרקיזע מיט איר דאַמען־סוויטע האָט דער קינסטלער פאַרדעקט מיט פייגנ־בלעטער באַשטימטע ערטער פון די סטאַטועז, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט נאַקעטע מענער.

לסוף פון וויזיט פרעגט בושאַרדאָן ביי דער מאַרקיזע :

— וואָס טראַכט איר וועגן מיינע סטאַטועז ?

— ערשט אין הערבסט, ווען די בלעטער פאַלן אַרונטער, וועל איך מיר קענען שאַפן אַ ריכטיק בילד וועגן זייער שיינקייט — האָט די קלוגע פרוי געענטפערט.



אַרום אַ שרפה.

די געשיכטע קלינגט ווי אַ כעלעמער מעשה און דאָך איז עס אַן אויטענטיש געשעעניש, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין פאַריז, דעם 6־טן אַפּריל 1763.

אין יענע טעג האָט זיך די פאַריזער אָפּערע געפונען אין דער געביידע פון פאַלע ראָיאַל (קעניגלעכן פאַלאַץ); דאָס איז געווען אויף דעם זעלבן אָרט, אין וועלכן עס האָט מיט הונדערט יאָר פריער, געשפּילט מאָליער מיט זיין טרופּע און וואָס נעמט אַרום דעם היינטיקן ראָג פון דער רי סענט אָנאָרעי און רי וואַלוּאַ.

פאַרטאָג פון דער אויבן־דערמאָנטער דאַטע איז אין טעאַטער לסוף פון אַ באַל אויסגעבראָכן אַ שרפה. דאַן איז אַנטשטאַנען אַ סכסוך צווישן דעם הויפּט פון דער פאַריזער פּאָליציי און דעם הויפּט פון דער שטאָט פאַריז וועגן די רעכט... איינצולעשן דאָס פייער!

דער הויפּט פון דער פּאָליציי האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע געהערט צו אים און דער צווייטער האָט געהאַלטן אַז די פּריווילעגיע געהערט צו דער שטאָט.

דער סכסוך האָט אָנגעהאַלטן איניקע שעה צייט און דערווייל...

יאָ, איר פֿאַרשטייט שוין אַליין; דערווײַלע
איז די אָפּערע פֿולשטענדיק אַוועק מיטן פֿייער.

דאַרף מען אָנקומען צו די כּעלעמער מעשׂיות
אויב מיר געפֿינען אַזאַ אויטענטיש געשעעניש
וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז?

אַ געווענלעכער מענטש.

אין יאָר 1777 איז אין פּאַריז געשטאָרבן לודוויק דעם 15־טנס אַ מיניסטער פּעליפּאָ, וואָס האָט געטראָגן נאָך אַנדערע, זייער באַרימטע נעמען; ער האָט אויך געהייסן, פירשט דע לאַ וורילייער און גראַף סאַן פלאָרענטאַן.

נאָך זיין טויט האָט אין פּאַריז קורסירט אַ ווערטל, אַלס כלומרשטער עפּיטאַף פאַרן קבר פון געשטאָרבענעם מיניסטער:

דאָ ליגט, טראָץ זיין הויכן ראַנג,

אַ מענטש אַ גאַנץ געווענלעכער.

אַ יורש פון דריי באַרימטע נעמען,

האָט ער נישט געלאָזט נאָך זיך קיין איינעם.

נישט־פאַרגינערישקייט.

בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז צווישן אַנדערע אויך גיליאָטינירט געוואָרן — אין עלטער פון 86 יאָר — אַ געוויסער אַריסטאָקראַט מייאַי, אַ פאָטער פון פינף טעכטער, וואָס פיר פון זיי, זענען איינע נאָך דער אַנדערער, געווען די... מעט־רעסעס פון לודוויק דעם 15־טן.

בעת מען האָט אַ געוויסן טאָג זיך דערוווּסט אין פאַריז, אַז דער קעניג האָט נאָך דער דריטער מייאַי גענומען אויך די פערטע שוועסטער אַלס געליבטע, האָט זיך דאָ פאַרשפּרייט אַ ווערטל וואָס איז געגאַנגען איבער די סאַלאָנען:

״כ׳האָב געזען אַ מייאַי, שטאַרק פאַרוויינט! זעט, וואָס עס הייסט האָבן שוועסטער היינט!״

מכוח ליבהאבער פון נאַטור־וויסנשאַפט...

דער פינאַנץ־מיניסטער פון לודוויק דעם 16־טן, נעקער (דער פאָטער פון דער מאַדאַם דע סטאַל) האָט אַ מאָל באַקומען פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי אַזאַ סאָרט ליבע־בריוול:

"זייער הויך־געשעצטער הער.

קענענדיק אייער געשמאַק פאַר נאַטור־געשיכטע, האָב איך דעם כבוד אייך צו שרייבן, אַז איך באַזיץ מערערע ווערטפולע זאַכן, וואָס פאַרדינען אייך געוויזן צו ווערן".

"אויב אייער עקסעלענץ זאָל באַוויליקן מיך צו באַזוכן, וועל איך מיך איילן זיי אים צו ווייזן און איך רעד מיר איין, אַז איר וועט זיין צופרידן און אַז איר וועט באַקומען דעם פאַרלאַנג זיי צו באַזיצן".



דער קעניג און דער דערפינדער.

ביים אַריינגאַנג אין דער רי פראַנקלין געפינט זיך זינט 1906 אַ מאָנומענט פון באַרימטן אַמע־ריקאַנער געלערנטן און דיפּלאָמאַט.

בנימין פראַנקלין איז עס געווען דער דערפינ־דער פון בליץ־אָפּלייטער, וואָס האָט אַ סוף גע־מאַכט צו אַ סך אומגליקן און אומקום פון מענטש־לעכע לעבנס. ער איז אויך געווען דער ערשטער פאָרשטייער פון די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס איז געקומען קיין פראַנקרייך, בעת די אַמעריקאַנער האָבן נאָך געפירט מלחמה קעגן די ענגלענדער פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט.

קומענדיק אין פּאַריז, האָט פראַנקלין זייער גיך געוווּנען די סימפּאַטיע פון די איינפלוסרייכע פראַנ־צויזיש־פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן און אַדורכגע־פירט מיט דערפאָלג דעם אַקט פון פראַנקרייך׳ס אנערקענען די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין לאַנד.

די דאָזיקע דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן זיינע האָבן אין ענגלאַנד אַרויסגערופן אַ סך פאַרדרוס און אין פּאַריז האָט מען זיך געוויצלט, אַז אין אַ מאָמענט פון גרויסער אויפרעגונג אויף דעם דיפּ־לאָמאַט פראַנקלין, זאָל דער ענגלישער קעניג זשאָרזש דער דריטער האָבן באַפוילן, ווי אַ נקמה אין דעם אַמעריקאַנער, אַראָפּצונעמען אַלע בליץ־אָפּלייטערס פון זיינע פּאַלאַצן!...



נישט גענוג געשיקט.

באָמאַרשע, דער מחבר פון "באַרביר פון סע־ווילי" איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ זייגער־מאַכער. ער איז אפילו געווען אַ זייער רענאָמיר־טער פאַכמאַן און האָט געאַרבעט פאַרן קעניגלעכן הויף.

באָמאַרשע איז אָבער אויך געווען אַ פעאיקער מוזיקער, האָט ער לסוף פאַרוואָרפן די זייגער־מאַכעריי און געוואָרן אַ מוזיק־לערער אין אַריס־טאָקראַטישע הייזער און אויך אין קעניגלעכן הויף, ווו מען האָט אים זייער געשאַצט.

ס'זענען אָבער געווען אַריסטאָקראַטן וואָס האָבן נישט געקענט גלייכגילטיק צוזען ווי באָמאַרשע געניסט פון אַזוי פיל צוטרוי און כבוד, פלעגן זיי זוכן אַ געלעגנהייט אים צו דערמאַנען זיין נישט־אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַמונג.

אַ געוויסן טאָג האָט אַזאַ אַריסטאָקראַט זיך גע־ווענדעט צו אים:

— מיין הער, איר זענט דאָך אַ זייגערמאַכער... וואָלט איר נישט אַ קוק געטאָן וואָס עס געשעעט מיט מיין זייגער, וואָס גייט עפּעס נישט זייער ריכטיק?

באָמאַרשע האָט מערערע מאָל פּרובירט דער־קלערן דעם אַריסטאָקראַט, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מער מיט קיין זייגערס; אַז ער האָט עס

אויפגעגעבן צוליב זיין נישט געשיקטקייט אין דעם פאַך; דער אַריסטאָקראַט אָבער, וואָס האָט אַ הנאה געהאַט פון קוועלן דעם מוזיק־לערער, האָט נישט אויפגעהערט אים צו שטופן זיין שווער־גאָלדענעם זייגער וועלכן באַמאַרשע האָט סוף כל



סוף גענומען אין האַנט אַריין, פּרובירט צולייגן צום אויער, פּרובירט דרייען די ווייזערס און לסוף געלאָזט דעם זייגער אַרויספאַלן פון זיינע הענט.

דער שווערער גאָלדענער זייגער איז אַראָפּ־פאַלנדיק, צעקלאַפּט געוואָרן און האָט זיך צעשיט אויף מערערע שטיקלעך.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך בין נישט גענוג געשיקט.... — האָט באַמאַרשע זיך פאַרענט־פערט, ווייזנדיק אויף דעם צעקלאַפּטן זייגער און איז אַוועק, לאָזנדיק דעם אַריסטאָקראַט ממש מיט טרערן אין די אויגן.

מכוח פריינד.

באמאַרשע האָט געהאַט זייער אַ סך שונאים וואָס האָבן אים פאָרגעוואָרפן אַלע מעגלעכע זינד.

אַ טאָג האָבן זיך איבער פאַריז באַוויזן טעאַ־טער־אַפישן וואָס האָבן אינפאָרמירט וועגן דער פרעמיערע פון זיין טעאַטער־ווערק א. נ. "די צוויי פריינד".

"אָנגעשריבן דורך אַ מענטשן וואָס האָט נישט קיין איינעם" — האָט אַן אומבאַקאַנטע האַנט אָנ־געשריבן אויפן אַפיש וואָס איז געהאנגען ביים קאַסע־פענצטערל פון טעאַטער.

אַ מאַשין אויף אָפּהאַקן קעפּ.

אַז דער דאָקטאָר לואי גיליאָטין האָט אויף אַ זיצונג פון רעוואָלוציאָנערן קאָנוועגט, פאָרגעשלאָגן דאָס איינפירן אין פראַנקרייך, צוליב הומאַניטאַרע טעמים, אַזאַ סאָרט מאַשין, וואָס וועט די צום טויט־פאַרמשפּטע בליץ־שנעל אָפּהאַקן די קעפּ כדי זיי איינשפּאָרן ליידן, האָט ער פאַרגעסנדיק זיך, אַזוי געזאָגט צו די דעפּוטאַטן:

— מיט דער דאָזיקער מאַשין וועל איך אייך אַראָפּכאַפּן דעם קאָפּ מיט איין באַוועג, אַזוי, אַז איר וועט נישט פילן דעם מינדעסטן וויי!

אַ סך פון די דעפּוטאַטן האָבן האַרציק געלאַכט, הערנדיק ווי ווייט דער הומאַניסט איז איינגע־גלויבט אין זיין דערפינדונג און אים אַפּלאָדירט.

גיך, זייער גיך האָבן אַ סך פון זיי אַוועקגעלייגט זייערע קעפּ אונטער דעם מעסער פון דער זעל־בער מאַשין.

האָבן זיי טאַקע נישט אָפּגעפילט ״דעם מינ־דעסטן וויי״, ווי דער הומאַניסטישער דאָקטאָר גיליאָטין האָט זיי פאַרזיכערט?

די אומצופרידענע צוקוקערס.

נאָך דעם ווי די גיליאָטינע איז אָפיציעל אויס־פּרובירט געוואָרן אין אַ פּאַריזער שפּיטאָל אויף פינף געשטאָרבענע, ווערט זי אַוועקגעשטעלט דעם 25־טן אַפּריל 1792 אויף דעם היינטיקן פּלאַץ פון האָטעל דע וויל, כדי אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ פון אַ פאַרברעכער, אַ געוויסן זשאַק פּעלטיע, וואָס איז געווען איר ערשטער קרבן.

די עקזעקוציע פון אַ מענטשן אין פּאַריז איז אַלע מאָל געווען אַ ספּעקטאַקל וואָס פלעגט צוציען גרויסע מאַסן ; דאָס מאָל אָבער איז דער עולם אַרום געווען גאָר גרויס און עס האָט געהערשט אַ גרויסע שפּאַנונג, וואָרעם ס׳האָט זיך דאָך גע־האַנדלט אין אַ גאָר נייעם אופן פון אומברענגען דעם פאַרמשפּטן, איז דער עולם געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי עס גייט צו... און אַז מען האָט געברענגט דעם אומגליקלעכן און טראָץ דעם, וואָס דער תליון איז נאָך נישט געווען גענוג ספּעציאַלי־זירט אין לאָזן אין גאַנג די מאַשין, איז דאָס אָפּ־האַקן דעם קאָפּ פון פאַרברעכער געווען אַ פּראָ־צעדור וואָס האָט אינגאַנצן געדויערט אַ פּאָר מינוט !...

אַזאַ געוואַלטיק שנעלע עקזעקוציע האָט אַרויס־גערופן ביים פאַרזאַמלטן עולם אַן... אַנטוישונג !

דאָס אינגאַנצן ? אַזוי גיך ?...

ביים פונאַנדערגיין זיך האָט דער אומצופרי־
דענער עולם זיך געקאָכט אויף דעם נייעם סיס־
טעם און פון אַלע זייטן האָט מען הויך גערופן:

— גיט אונדז צוריק די תליה!

— מיר ווילן צוריק די תליה!....



דאָס געוויסן פון אַ תליון...

דעם 21־טן יאַנואַר 1793 ווערט די גיליאָטינע צום ערשטן מאָל אויפגעשטעלט אויפן פלאַץ קאָנ־קאָרד, כדי צו גיליאָטינירן דעם קעניג לודוויק דעם 16־טן.

דאָס איז געווען די ערשטע עקזעקוציע אויפן באַרימטן פאַריזער פלאַץ.

דריי חדשים שפּעטער שטאַרבט דער תליון.

אין פּאַריז האָט מען זיך דערציילט, אַז דער תליון שאַרל אַנרי סאַנסאָן איז געשטאָרבן פון עגמת נפש!.... אַז ער האָט נישט געקענט אַרי־בערטראָגן דעם געדאַנק פון האָבן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פונעם קעניג.

ס׳איז באַוווסט אַז לודוויק דער 16־טער האָט ביי דער גיליאָטינע שטייענדיק, אויסגערופן:

— פראַנצויזן, איך בין אומשולדיק!

ער האָט זיך געקליבן נאָך עפּעס זאָגן, אָבער מען האָט פאַראָרדנט דעם מיליטער צו פויקן און די רייד פון קעניג זענען פאַרטויבט געוואָרן. זאָלן עס די ווערטער וועגן זיין אומשולד אַזוי האָבן געווירקט אויפן געוויסן... פון תליון, אַז ער איז אין דריי חדשים שפּעטער, אויך אַוועקגע־שטאָרבן?

ווי ווייט די געשיכטע איז אמת איז שווער צו וויסן, אָבער אַ פֿאַקט איז, אַז דער געשטאָרבענער תּליון האָט אין זיין צוואה איבערגעלאָזט אַ גאַנץ שיינע געלט־סומע, אויף איינצואָרדענען יעדעס יאָר, אַ גאָט־דינסט פֿאַר דער נשמה פון דעם דורך אים גיליאָטינירטן קעניג. די דאָזיקע תּפילה, אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, איז אָפּגעהיט און אויס־געפירט געוואָרן ביז צום יאָר 1840.

ווי מיר זעען, פאַרמאָגט אַ תּליון אויך אַ ביסל געוויסן!...

אַ ביטע.

דעם 8־טן דעצעמבער 1793 גיליאָטינירט מען אויפן פּלאַץ קאָנקאָרד די 50־יעריקע מאַדאַם די־באַרי, די געוועזענע געליבטע פון לודוויק דעם 15־טן.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איז זי ווי אַ סך אַנדערע אַוועק קיין אויסלאַנד, קיין ענג־לאַנד. דאָרט וואָלט זי געקענט רואיק אויסלעבן אירע יאָרן.

האָט זי אָבער געבענקט נאָך פראַנקרייך און איז צוריקגעקומען...

זי ווערט אַרעסטירט, געבראַנגט צום רעוואָלו־ציאָנערן טריבונאַל, וואָס פאַרמשפט איר צום טויט.

בעת מען פירט איר צום פּלאַץ קאָנקאָרד, הערט זי דעם גאַנצן וועג נישט אויף צו וויינען און דער־זעענדיק זיך ענגדלעך פאַר דער גיליאָטינע, בעט זי ספּאַזמאַטיש:

— הער תליון! כאָטש נאָך איין מינוטקעלע, כאָטש נאָך איין מינוטקעלע!...

דער לעצטער שפּאַס.

ווייל ער האָט פאַרטיידיקט דעם קעניג לודוויק דעם 16־טן פאַרן קאָנווענט, ווערט דער אַדוואָקאַט און געלערנטער מאַלזערב אַרעסטירט עלף חדשים שפּעטער; ער ווערט געשטעלט פאַרן רעוואָלו־ציאָנערן טריבונאַל און קומט פון דאָרט אַרויס אַ פאַרמשפּטער צום טויט... דעם 21־טן אַפּריל 1794 קומט ער אום אויף דער גיליאָטינע אַלט זייענדיק 73 יאָר.

גייענדיק מיט געבונדענע הענט צום טויט, האָט ער זיך אומגעריכט אַ גליטש געטאָן און שיער נישט אומגעפאַלן.

— אוי! האָט ער אויסגערופן שפּאַסנדיק, — ס׳איז אַ שלעכטער סימן!...

ס'איז נאָר פון קעלט.

צווישן די פאַרמשפּטע דורכן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אומצוקומען אויף דער גיליאָטינע, האָט זיך אויך געפונען דער גרויסער געלערנטער בייאי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פּאָליטיק און געוואָרן דער מער פון פּאַריז.

צוליב אַ זינד וועלכע מען האָט אים פאָרגע־וואָרפן, אַז דאָס אומקומען פון אַ געוויסער צאָל מאַניפעסטאַנטן אויפן מאַרס־פעלד אין יולי 1791 זאָל האָבן געשען צוליב דער שולד פון געלערנטן, האָט דער טריבונאַל באַשלאָסן, אַז בייאי זאָל אומ־קומען אויף דעם זעלבן פּלאַץ.

דעם 12־טן נאָוועמבער 1793 ווערט דער גע־לערנטער געברענגט אויפן מאַרס־פעלד, אָבער דאָס גרייטן די גיליאָטינע האָט דאָס מאָל געדויערט לאַנג און בייאי ווערט גאַנצע דריי שעה צייט אַרומגעפירט אויפן פּלאַץ, פאַרמאַטערט און פאַר־פייניקט דורכן אויפגעהעצטן און בלוטדורשטיקן המון, וואָס האָט אים געזידלט, אויף אים געוואָרפן מיסט און געשפּיגן. דערצו נאָך האָט כסדר אָנגע־האַלטן אַ קאַלטער רעגן, וואָס האָט דעם האַלב־אויסגעטאָגענעם געלערנטן דורכגעווייקט און עס האָט אים אָנגעהויבן שוידערן.

ווען די גיליאָטינע איז ענדלעך געווען גרייט, האָט איינער פון דעם תליונ׳ס געהילפן אַ זאָג געטאָן צום פאַרמשפּטן:

— בייאי, דו ציטערסט!

— יאָ, מיין פריינד — האָט דער געלערנטער אָפּגעענטפערט — ס׳איז אָבער פון קעלט, ס׳איז נאָר פון קעלט!

געפונען אַן עצה.

אין די לעצטע זעקס וואָכן פון ראָבעספּיער־טעראָר, איז די גיליאָטינע געווען טעטיק אויף דעם היינטיקן נאַציאָן־פּלאַץ, ווו זי האָט ביז דעם 9־טן טערמידאָר אָפּגעהאַקט 1306 קעפּ פון אַריסטאָ־קראַטן און סתם „שונאים פון פאָלק", וועלכע מען האָט דערנאָך באַגראָבן אין דעם דערנעבנדיקן דערפל פּיקפּיס (די היינטיקע רי פּיקפּיס) אין צוויי גרויסע ברידער־קברים.

צוליבן דאַרפן יעדן אָוונט אַריינשיטן אין די גריבער פריש־גיליאָטינירטע, זענען די קברים, נאָך יעדן טראַנספּאָרט, געוואָרן שוואַך צוגעשיט און געשטאַנען כמעט אָפן. ס'האָבן זיך גראָד געשטעלט גרויסע היצן און פון די קברים האָט זיך אָנגע־הויבן טראָגן אַ שרעקלעכער ריח. אַ סך פון די אַרומיקע איינוווינער האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס דערפל און די איבעריקע, נישט קענענדיק מער פאַרטראָגן די שוידערלעכע לופט פון פוי־לונג, האָבן זיך פאַרזאַמלט און פּרובירט זוכן אַן עצה. לסוף האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ קאָלעק־טיוון בריוו צום „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט" אין וועלכן זיי האָבן געשריבן:

„די בירגער פון פּיקפּיס זענען באַאומרואיקט פון דעם שכנותדיקן קבר וואָס איז באַשטימט פאַר

די פֿאַרשווערער. מיט דער גאַנצער ענערגיע ווי עס פֿאַסט פֿאַר פֿרייע מענטשן, טראָגן זיי אַריין אַן אָנקלאַגע אויף די אַריסטאָקראַטן, וואָס ביים לעבן האָבן זיי זיך באַטראַכט פֿאַר שונאים פֿון פֿאָלק און רעפּובליק און נאָכן טויט, זעצן זיי כסדר פֿאָר די זעלבע שרעקלעכע אַקטיוויטעט״.

מען דאַרף נישט וויינען...

ראָבעספּיער וואָס האָט אין די ערשטע חדשים פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע נישט געשפּילט קיין שום ראָלע, ער איז אפילו נישט געווען באַקאַנט דעם עולם, איז לסוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע פיגורן. ס'זענען געווען מענטשן וואָס האָבן אים ממש פאַרגעטערט, ביז ער האָט אָנגעהויבן אָנצווענדן אַ שוידערלעכן טעראָר וואָס האָט אָפּגעשראָקן און אָפּגעשטויסן איטלעכן און אין טאָג ווען זיין אייגענער קאָפּ איז געפאַלן, האָט פּאַריז געיובלט: פּטור געוואָרן פון אַ טיראַן!

דער גיליאָטינירטער ראָבעספּיער איז באַגראָבן געוואָרן הינטער פּאַריז, אויף אַ פעלד אויף וועלכן עס געפינט זיך היינט צו טאָג דער שיינער פּאַרק מאָנסאָ.

גלייך נאָך דער קבורה האָט זיך אויף זיין קבר באַוויזן אַן אויפשריפט, געמאַכט דורך אַן אומבאַקאַנטער האַנט, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

> פאַרבייגייער, באַוויין נישט
> זיין סוף;
> ווייל ווען ער וואָלט געלעבט,
> וואָלטסטו געווען טויט!

די פּאָליציי איז שולדיק.

אין יאָר 1803 ווערט אַרעסטירט אין פּאַריז איינער פון די סאַמע באַרימטסטע ראָיאַליסטישע פאַרשווערער, זשאָרזש קאַדודאַל, וואָס איז געקו־מען אין געהיים פון ענגלאַנד און פּרובירט אָרגאַ־ניזירן דאָס אויפכאַפּן דעם גענעראַל באָנאַפּאַרט.

ביים אַרעסטירן אים האָט ער געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און דערביי דערשאָסן איינעם פון די פּאָליציי־לייט.

— ווייסט איר, אַז איר האָט דערהרגעט אַ פּאַ־מיליע־מענטש, אַ טאַטן פון קינדער? — ווענדעט זיך צום געבונדענעם קאַדודאַל דער פּאָליציי־שעף.

— האָט איר מיך געדאַרפט לאָזן אַרעסטירן דורך נישט־פאַרהייראַטע — האָט דער אַרעסטיר־טער קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט.

די רעכט פון קרבן.

איינער פון די באַגריסער און איבערגעגעבענער טוער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען דער געלערנטער קאנדארסע, וואָס איז אין יאָר 1794 בעת די טעראָר־טעג אַרעסטירט גע־וואָרן און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי חלילה נישט אויסצוגעבן פריינד וואָס האָבן אים אויס־באַהאַלטן און אויך כדי אויסצומיידן די גיליאָטינע.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט זיין פרוי, די אלמנה זיך פאַרנומען מיט נאָכזוכן און אויפקלערן וועגן דעם גורל פון אַ סך אומגעקומענע און אין שייכות דערמיט האָט זי געהאָט אַן אוידיענץ ביים יונגן גענעראַל באָנאַפּאַרט, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע און דעצידירן וועגן גורל פון פראַנקרייך. עפּעס פון אירע רייד זענען אים נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט איר שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב נישט ליב, אַז פרויען מישן זיך אין דער פּאָליטיק!

— איר זענט אפשר גערעכט... הער גענעראַל — האָט די מאַדאַם קאָנדאָרסע זיך אָפּגערופן — אָבער אין אַ לאַנד אין וועלכן מען האַקט זיי אָפּ די קעפּ, איז עס נאָרמאַל, זיי זאָלן וועלן וויסן פאַרוואָס!



אָן צערעמאָניעס.

אין יאָר 1804, בעתן גרייטן די קרוינונג פון נאַפּאָלעאָנען, איז דער גראַף לואי דע סעגיר נאָמינירט געוואָרן אויפן הויכן אַמט פון צערעמאָניע־מייסטער.

אין יענע טעג האָט דער שרייבער אַלעקסאַנדער דע סעגיר, וואָס האָט געלעבט זייער ווייט פון פּאָליטיק, באַקומען אַ בריוו פון אַ מענטשן, וואָס האָט ביי אים געבעטן אַ פּלאַץ אין קייזערלעכן פּאַלאַץ.

דער שרייבער האָט געזען דעם טעות און געענטפערט דעם מענטשן מיט פאָלגנדיקע שורות:

„מיין הער.

איר פאַרשאַפט מיר כבוד בעטנדיק ביי מיר אַ פּלאַץ. איך שיק אייך צוויי פלעצער, אָבער דאָס זענען אויף אַ פאָרשטעלונג פון מיינער אַ פּיעסע וואָס ווערט אויפגעפירט היינט אָוונט אין דער „קאָמישער אָפּערע“.

כ׳בין גרייט אייך צו דינען

סעגיר, אָן צערעמאָניעס“...

דער איינציקער מאַן.

פון די דריי קינדער פון גיליאָטינירטן קעניגלעכן פּאָרל, לודוויק דער 16־טער און מאַריע אַנטואַנע־טע, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז איין קינד, אַ מיידעלע וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן, אַלס די פּירשטין ד׳אַנגולעם.

פול מיט שנאה צו דער רעוואָלוציע, האָט זי באַווירקט די פּאָליטיק פון דער פראַנצויזישער עמיגראַציע אין וועמענס שפּיץ ס׳איז געשטאַנען איר פעטער, דער קונפטיקער לודוויק דער אַכצנ־טער. די פירשטין ד׳אַנגולעם האָט מיט אַ סך ענערגיע אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם פראַנצויזישן טראָן.

ביי אַ געלעגנהייט האָט נאַפּאָלעאָן זיך וועגן איר אויסגעדרוקט :

— די פירשטין ד׳אַנגולעם איז דער איינציקער מאַן פון דער גאַנצער בורבאָנען־משפּחה !...

ליבע און פּאָליטיק.

אַ געוויסן טאָג האָט דער נאַפּאָלעאָנישער גע־נעראַל זשינאָ, דער שפּעטערדיקער פּירשט ד׳אַב־ראַנטעס, זיך דערוווּסט, אַז זיין פרוי איז די גע־ליבטע פון גראַף מעטערניך, וואָס האָט אַ לענגערע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין פּאַריז אַלס דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר.

אויסער זיך איז דער גענעראַל אַוועק צו נאַ־פּאָלעאָנען און געפּאָדערט אַרויסצושיקן דעם גראַף פון פּאַריז.

נאַפּאָלעאָן זאָל אים דאַן האָבן געענטפערט:

— מיין טייערער, אויב איך וועל מיך אָנהויבן פאַרנעמען מיט די ליבעס וואָס שפּילן זיך אָפּ אין מיין הויף, וועט מיר נישט בלייבן קיין צייט אויף זיך צו פאַרנעמען מיט די ענינים פון איי־ראָפּע.



אַ גאַלאַנטע ראַנדעווו.

נאַפּאָלעאָנען איז געפעלן געוואָרן די יונגע אַק־טריסע דישענואַ און עס איז אָפּגעשמועסט געוואָרן איר קומען אין טילערי־פּאַלאַץ אויף אַ גאַלאַנטער ראַנדעווו.

דער קיסר איז גראָד געווען שטאַרק פאַרטאָן אין עפּעס אַן עניק, ווען זיין דינער קאָנסטאַן האָט אים שטיל מיטגעטיילט:

— די מאַדמואַזעל דישענואַ איז דאָ...

— זאָל זי צוואַרטן — האָט נאַפּאָלעאָן אַ זאָג געטאָן און ווייטער שטודירט די פּאַפּירן וועלכע ער האָט געהאַט פאַר זיך.

אַ שעה שפּעטער האָט קאָנסטאַן ווידער גע־עפנט די טיר פון קאַבינעט און שטיל דערמאַנט אין דער וואַרטנדיקער.

— זאָל זי זיך אויסטאָן! — האָט נאַפּאָלעאָן קורץ באַפוילן, נישט קענענדיק זיך אַליין אָפּרייסן פון דעם שטויס דאָקומענטן.

פאַרביי נאָך אַ שעה און קאָנסטאַן האָט אויף דאָס ניי געעפנט די טיר און דיסקרעט געפרעגט, וואָס די דאַמע דאַרף טאָן?

— זאָל זי אַהיימגיין!



מכוח איינלייג־געלט.

אין דער שלאַכט ביי וואַגראַם האָט דער פראַנ־צויזישער גענעראַל קאָרבינא פאַרלוירן אַ פוס.

"געזונט ווערנדיק", האָט ער געשריבן צו נאַפּאָ־לעאָנען און געבעטן מען זאָל אַלס קאָמפּענסאַציע אים איבערגעבן אַ וויכטיקן אַמט אין דער שטאָט רועַן; אַן אַמט וואָס האָט אַריינגעבראַנגט אַ גאָר גרויסן פאַרדינסט און וואָס איז גראָד געווען פריי און געוואָרט אימעצער זאָל אויף אים נאָמינירט ווערן.

נאַפּאָלעאָן האָט אויפגענומען דעם גענעראַל און צו אים געזאָגט:

— כדי איבערנעמען דעם אַמט וועלכן איר בעט, דאַרף מען אַריינטראָגן אַ גאָר גרויסע סומע איינלייג־געלט; האָט איר אַזאַ גרויסע סומע?

— די געלט־סומע האָב איך שוין אַריינגע־טראָגן.

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? — האָט זיך נאַפּאָלעאָן געוווּנדערט.

— כ׳מיין מיין פוס, וועלכן כ׳האָב פאַרלוירן ביי וואַגראַם! — קלערט אויף דער אינוואַליד.

זיין ביטע איז גלייך געוואָרן באַשטעטיקט.

אַ טרעפלעכער ענטפער.

דער יונגער שאַבראָל, אַ ניי־באַשטימטער פרע־פעקט אין אַ פראָווינץ־דעפּאַרטאַמענט, האָט אָנ־שטאָט גלייך אָפּפאָרן אַהין, זיך גאָר באַוויזן אויף אַן אויפנאַמע אין טילערי־פּאַלאַץ און איז באַ־מערקט געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָנען.

— הער פרעפעקט — האָט אים דער קיסר אָפּ־געשטעלט — ווי קומט עס וואָס איר געפינט זיך נאָך אַלץ אין פּאַריז?

— אייער מאַיעסטעט, איך בין געקומען בלויז כדי צו זען מיין קראַנקן קרוב, דעם פירשט לעבראַן — האָט דער יונגער שאַבראָל אויפגעקלערט.

— מיין הער — האָט אים נאַפּאָלעאָן שאַרף אַ זאָג געטאָן — ווען איר וואָלט נישט געווען אַזוי יונג, וואָלט איר געוווּסט, אַז מדינה־פליכטן זענען וויכטיקער פון פאַמיליע־פליכטן! מאָדנע, מען נאָמינירט ביי מיר אַלס פרעפעקטן יונגע־לייט, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזט זייער זויג־מוטער — האָט זיך נאַפּאָלעאָן געברוגזט און אים אַ פרעג געטאָן.

— ווי אַלט זענט איר?

— איך בין געווי אין דער זעלבער עלטער וועל־כע עס האָט געהאַט אייער מאַיעסטעט, ווען ער

האָט געווינען די שלאַכט ביי אַרקאָל! — האָט שאַ־
בראָל, נישט פאַרלירנדיק זיך, געענטפערט מיט
אַ סך דרייסטקייט.



נאַפּאָלעאָן האָט אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין פּנים
פון דעם יונגן מענטשן און איז אָפּגעגאַנגען אַ
שמייכלענדיקער. אין איניקע טעג אַרום, איז דער
27־יעריקער שאַבראָל נאָמינירט געוואָרן אַלס דער
פּרעפעקט פון פּאַריז גופא.

די זאַך איז פּשוט...

אין רוים, אין דער ווילאַ באָרגעז, וועלכע עס האָט אַמאָל באַוווינט נאַפּאָלעאָנס שיינע שוועסטער פּאָלין באָנאַפּאַרט, זעט מען די זייער באַרימטע סקולפּטור פון איטאַליענישן קינסטלער קאַנאָוואַ, וואָס שטעלט פאָר די פּרינצעסין, ליגנדיק אַ נאַקעטע. ס׳איז באַוווּסט, אַז פּאָלין באָנאַפּאַרט האָט טאַקע פּאָזירט אַ נאַקעטע פאַרן קינסטלער.

די סקולפּטור האָט געמאַכט אַ רושם און בעת פּאָלינס אַ וויזיט אין פּאַריז האָבן נאָענטע מענטשן איר געפרעגט, ווי אַזוי האָט זי עס, אַ פּרינצעסין פון אַזאַ גרויסן יחוס, געקענט ביי זיך פועלן צו פּאָזירן פאַרן קינסטלער, אינגאַנצן אַן אויסגעטאָענע?

— דאָס צימער איז געווען גוט געהייצט — האָט פּאָלין באָנאַפּאַרט אויפגעקלערט...



געזוכט און געפונען.

ס׳איז באַקאַנט, אַז נאַפּאָלעאָנס פּאָליציי־מיניס־טער פושע האָט געוווסט כמעט אַלץ, וואָס עס געשעט אין דער געזעלשאַפט; אומעטום האָט ער געהאַט זיינע מענטשן וואָס האָבן וועגן אַלעם אינפאָרמירט.

אין שייכות דערמיט האָט סטענדאַל אַ מאָל דער־ציילט:

זיינער אַ באַקאַנטער, אַ גענעראַל אין דער אַרמיי, האָט געוואָלט איינלאַדן אַ צוויי צענדליק פריינד אויף אַ מיטאָג און ער איז אַוועק אין שוין דער־מאָנטן רעסטאָראַן וועריי, וואָס האָט זיך געפונען אין איינעם פון די לאָקאַלן פון פּאַלע־ראָיאַל און באַשטעלט אַלץ וואָס מען דאַרף און פאַרשטייט זיך אויך אַ באַזונדערן זאַל, כדי דורך קיינעם נישט געשטערט צו ווערן.

פערטיק מיט דער באַשטעלונג, ווענדט זיך דער בעל־הבית וועריי צום גענעראַל:

— איר ווייסט זיכער, הער גענעראַל, אַז איך דאַרף וועגן דעם מיטאָג מיטטיילן אין דער פּאָ־ליציי, כדי אין זאַל זאָל זיך געפינען אימעצער...

— אימעצער? — פאַרשטייט נישט דער גע־נעראַל.

— יאָ, אימעצער פון זיי... די זאַך איז זייער פשוט... ער וועט זיך געפינען צווישן דער דינער־שאַפט!

דער מיליטערמאַן, אַן אויפגעבראַכטער, פאָרט גלייך אַוועק צום אַלמעכטיקן פּאָליציי־מיניסטער פושע.

— הער מיניסטער, וואָס געשעט דאָ? מען קען זיך הייסט עס, נישט מער צונויפקומען צווישן

פריינד אָן דעם מען זאָל נישט אַרויסטראָגן קיין מעשיות אין דרויסן?

פושע אַנטשולדיקט זיך, מאַכט אַ ריי קאָמפּלי־מענטן דעם גענעראַל, נאָר גיט נישט נאָך; ער האַלט זיך ביי זיינעם: יאָ, עס מוז דאָרט זיין אימעצער פון זיינע מענטשן....

דער גענעראַל הייבט זיך אָן היצן, אויפרעגן.

פושע פאַלט אויף אַן עצה:

— וואָלט איר מיר נישט געקענט זאָגן, ווער עס זענען אייערע איינגעלאַדענע?

— זיכער — רופט אויס דער גענעראַל און ער דערלאַנגט אים די ליסטע מיט די נעמען.

פושע וואַרפט אַ בליק אויפן פּאַפּירל און גיט עס גלייך צוריק דעם אָפיציר, זאָגנדיק:

— אַ דאַנק אייך, הער גענעראַל. איר קענט איבערגעבן דעם הער ווערי, אַז כ׳וועל אים נישט שיקן קיינעם. צווישן אייערע איינגעלאַדענע, גע־פינען זיך שוין די וואָס וועלן אים פאַרטרעטן...

אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ טובה...

נאַפּאָלעאָן האָט אַ מאָל געוואָלט אַריינברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט זיין פּאָליציי־מיניסטער פושע, האָט ער אים פאָרגעוואָרפן:

— איר, פירשט ד׳אָטראַן, האָט דאָך געשטימט פאַרן טויט פון לודוויק דעם 16־טן!

— זיכער! — האָט דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנערער יאַקאָבינער און איצטיקער פּאָליציי־מיניסטער גאַנץ געלאַסן אָפּגעענטפערט — דאָס איז געווען די ערשטע געלעגנהייט וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, צו טאָן עפּעס לטובת אייער מאַיעסטעט...

דער פֿאַרשווערער און זיינע מיטהעלפֿער.

אין יאָר 1812, בעת נאַפּאָלעאָן האָט זיך גע־פֿונען אין מאָסקווע, האָט אַ געוויסער גענעראַל מאַלע פּרובירט אין פּאַריז פֿאַרכאַפּן די מאַכט.

דער פּוטש איז אַדורכגעפֿאַלן. דער גענעראַל מאַלע ווערט אַרעסטירט און געשטעלט פֿאַר אַ פֿעלד־געריכט.

בעתן משפּט פֿרעגט דער געריכט־פֿאָרזיצער ביים גענעראַל:

— ווילט איר אָנגעבן די נעמען פֿון אייערע מיטהעלפֿער?

— מיינע מיטהעלפֿער וואָלטן געווען אַלע, דאָס גאַנצע פֿאָלק און אפֿילו איר גופֿא, הער פּרעזי־דענט, אויב מיין פֿאַרשווערונג וואָלט געלונגען.

*

מען וואָרנט צו זיין פֿאָרזיכטיק...

אויפֿן וואַנדאָם־פּלאַץ זעען מיר אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע קאָלאָנע, וואָס איז אַ קאָפּיע פֿון טראַיאַן־דענקמאָל אין רוים.

די קאָלאָנע וואָס האָט פֿיר און פֿערציק מעטער די הויך, איז געגאָסן געוואָרן פֿון רוסישע און עסט־רייכישע האַרמאַטן, וואָס די פֿראַנצויזישע אַרמיי האָט צוגענומען אין אַוסטערליץ און איז דאָ אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין די יאָרן 1806—1810.

אין דער הויך האָט מען דאַן אַוועקגעשטעלט אַ בראָנזענע פיגור פון נאַפּאָלעאָנען גופא.

סוף 1812, אַז מען האָט זיך דערוווּסט אין פּאַריז דעם טראַגישן אמת וועגן דער מלחמה אין רוסלאַנד, וועגן דער געוואַלטיקער קאַטאַסטראָפע מיט דער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס איז דאָרט



אומגעקומען אין די שנייען און בלאָטעס, איז דער רושם געווען אומגעהויער.

דעמאָלט האָט זיך אויף דער קאָלאָנע באַוויזן אַן אויפשריפט פון אַן אַנאָנימער האַנט, וואָס האָט געוואָרנט:

— פאַרבייגייער, זיי פאָרזיכטיק
ער האַלט ביים אַראָפּפאַלן!...

אַרום אַ בריק.

בעת מען האָט אין יאָר 1809 אויסגעבויט אין פּאַריז די בריק וואָס פאַרבינדט די הויכקייט שאַיאָ (טראָקאַדעראָ־פּלאַץ) מיטן מאַרס־פעלד (ביים אייפל־טורעם) האָט מען זי אָנגערופן יענאַ־בריק, לכבוד דעם גרויסן נאַפּאָלעאָנישן נצחון נעבן דער פּרייסישער שטאָט וואָס טראָגט דעם דערמאַנטן נאָמען.

אין יאָר 1814, ווען פּאַריז איז פאַרנומען גע־וואָרן דורך דעם קאָאַליציע־מיליטער, האָט דער פּרייסישער גענעראַל בליוכער באַשלאָסן אויפצו־רייסן די בריק, כדי אַזוי אַרום אָפּמעקן אַ באַ־ליידיקונג פאַרן כבוד פון זיין לאַנד.

לודוויק דער 18־טער דערוויסט זיך פון דער כוונה און באַמיט זיך די בריק אָפּצוראַטעווען. אין זיין בריוו צום פּרייסישן גענעראַל, שרייבט ער:

„אויב איר, הער מאַרשאַל, וועט נישט וועלן אַנטקעגנקומען מיין ביטע, וועל איך מיך באַ־גנוגן מיט בעטן אייך, מיר מיטצוטיילן בלויז די שעה, ווען די בריק דאַרף ווערן אויפגעריסן, כדי כ'זאָל מיך קענען אַוועקשטעלן אין איר מיט".

די בריק איז געוואָרן פאַרשוינט.

דער אָפּיציר און דער באַדינער.

אין יאָר 1814, ווען די קאָאַליציע־אַרמיי האָט אָקופּירט פּאַריז, האָט דאָס ענגליש־רוסישע און עסטרייכיש־דייטשע מיליטער אויסגעפּילט אַלע קאַפּעס און רעסטאָראַנען וואָס האָבן זיך געפונען אין גאָרטן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ (זשאַרדען די פּאַלע־ראָיאַל) וואָס איז אין יענע טעג געווען אַ גרויסער פּאַריזער פאַרוויילונגס־צענטער.

אַ געוויסן טאָג איז אַ פּרייסישער אָפּיציר אַריין אין דעם שוין דערמאַנטן רעסטאָראַן "לע ווערי" וואָס האָט זיך געפונען אין דער גאָרטנדיקער גאַלערי באָזשאָלע נומ. 83—85 און באַשטעלנדיק קאַפּע, האָט ער געזאָגט צום דינער:

— גיט זי מיר אין אַ טאָס אין וועלכער קיין פראַנצויז האָט נאָך קיינמאָל נישט געטרונקען!

איניקע מינוט שפּעטער האָט דער דינער אַריינגעבראַכט די קאַפּע און זי אים דערלאַנגט אין אַ נאַכט־כלי...

דער זיגער איז גערעכט.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבן זיין אויפשטאַנד וואָס איז באַרימט אונטערן נאָמען "די הונדערט טעג" און זיך אַרויסגעזעצט אויף דער פראַנצויזישער ערד, האָט דער אָפיציעלער "מאָניטער" געשריבן:

"די חיה איז אַרויס פון איר הייל". מיט דער מאָס פון נאַפּאָלעאָנס דערנענטערן זיך צו פּאַריז, האָבן די קעפּלעך פון דער אויסגאַבע זיך געהאַלטן אין איין ענדערן. מען האָט דאָרט געלייענט:

"די קאָרסיקאַנער חיה האָט זיך אַרויסגעזעצט אין גאָלף זשואַן...", "דער טיגער איז אָנגעקומען אין גאַפּ...", "דער מאָנסטער איז דורכגעפאָרן ליאָן", "מען האָט דעם אוזורפּאַטאָר געזען זעכציק מייל פון פּאַריז", "באָנאַפּאַרט מאַרשירט מיט שנעלע טריט", "מאָרגן וועט נאַפּאָלעאָן זיין ביי אונדזערע מויערן...", "דער קייזער איז אָנגעקומען קיין פאָנטענבלאָ".

און אַז נאַפּאָלעאָן איז ענדלעך אַריין אין פּאַריז, האָט דער זעלבער "מאָניטער" גאַנץ ערנסט געשריבן:

"זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט איז נעכטן אָנגעקומען אין טילערי־פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט זיינע געטרייע אונטערטאַנען...".


Benn

די רעליגיע ווערט שוואַכער...

ווען דער נאַפּאָלעאָנישער פּאָליציי־מיניסטער פושע האָט זיך איבערצייגט, אַז דער קייזער איז פאַרלוירן, האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר טאַליי־ראַנען:

— איך האָב מיך שטענדיק געוואונדערט, הלמאי עס האָט זיך נישט געפונען ביי אונז קיינער וואָס זאָל אָוועקהרגענען דעם קאָרסיקאַנער, פּונקט ווי עס האָט דאָס געטאָן דער גלח זשאַק קלעמענט, וואָס האָט באַפרייט פראַנקרייך, אָוועקהרגענדיק הענריך דעם דריטן.

— וואָס קען מען טאָן? — האָט אים געענטפערט דער געוועזענער גלח טאַלייראַן, — איר זעט דאָך, אַז די רעליגיע ווערט כסדר אַלץ שוואַכער...

אַ האַלבער ברוגז.

דער נאַפּאָלעאָנישער אויסערן־מיניסטער טאַליי־ראַן, אַ געוועזענער בישאָף, וואָס האָט בעת דער רעוואָלוציע פאַרלאָזט די קירכע, צוריק געוואָרן אַ וועלטלעכער מענטש און געדינט אַלע פּאָליטישע רעזשימען זוכנדיק פון זיי צו ציען וואָס מער פּערזענלעכע פּראָפיטן, האָט לסוף אויך געדינט דעם רעזשים פון לודוויק דעם 18־טן.

איין מאָל, בעת אַ גרויסער אָפיציעלער צערעמאָ־ניע אין דער נאָטר־דאַם, צו וועלכער עס איז אויך געקומען טאַלייראַן, האָט מען אים, ביים אַריינ־גיין, געזען זיך צלמען.

די זאַך האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל שטוינונג און איינער פון די אַנוועזנדיקע, ווייזנדיק אויפן צלם וואָס הענגט איבערן אַלטאַר, האָט מיט אַ סך איראָניע ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— פירשט, איר האָט זיך איבערגעבעטן ?...

— ניין — האָט טאַלייראַן אָפּגעענטפערט — מיר גריסן זיך בלויז, אָבער מיר רעדן נישט צווישן זיך.

זי ווערט זיך באַמיען.

טאַלייראַן האָט אַ טאָג באַגעגענט די יונגע און זעלטן שיינע מאַדאַם גראַנט, אַ פרוי מיט אַ רייכער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט.

דער אויסגערעכנטער און ביז גאָר פאַרזיכטיקער דיפּלאָמאַט האָט גלייך פון ערשטן בליק אויף איר זיך אין איר שטאַרק פאַרליבט און גיך איז זי אויך געוואָרן זיינע אַ מעטרעסע.

אַ ביסל שפּעטער, אונטערן דרוק פון ערשטן קאָנסול, דעם גענעראַל באָנאַפּאַרט, וואָס האָט געזוכט צו דערוועקן דורך אים צו זיין רעזשים, האָט ער מיט איר אויך חתונה געהאַט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט פאָרגעשטעלט זיין פרוי פאַר נאַפּאָלעאָנען.

דער לעצטער, וואָס האָט געוווסט וועגן די צאָלרייכע ראָמאַנען אירע, האָט זיך צו איר געווענדעט:

— איך האָף אַז די גוטע אויפפירונג... פון דער בירגערין טאַלייראַן וועט ווירקן, מען זאָל פאַרגעסן די לייכטע האַנדלונגען פון דער מאַדאַם גראַנט!

די בירגערין טאַלייראַן, וואָס האָט ווי אַ סך אַנדערע, אויסגעצייכנט געוווסט וועגן די אַלע אומ־

טרייהייטן פון זשאָזעפינען, האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַרן ערשטן קאָנסול און מיטן סאַמע ליבלעכסטן שמייכל אויף וועלכן די שיינע פרוי איז נאָר געווען פעאיק, זיך אָפּגערופן:

— איך וועל מיך מיט אַלע כוחות באַמיען נאָכצוטאָן די בירגערין באָנאַפּאַרט!

די אויסדעקאָלטירטע דאַמע.

טאַלייראַן האָט אַ מאָל, אין אַ סאַלאָן, באַגעגנט אַ זייער מאָגערע און ביז גאָר אויסדעקאָלטירטע דאַמע וואָס איז אייניקע מאָל אים פאַרבייגע־גאַנגען. מעגלעך אַז דאָס איז געשען אין דער האָפענונג צו ציען אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט.

דער דיפּלאָמאַט האָט זיך צוגעבויגן צו זיין שכן און אים שטיל איינגערוימט:

— ס'איז באמת אוממעגלעך זיך מערער אָפּ־צודעקן און אַזוי ווייניק צו ווייזן...

*

צו טייער...

נאָכן ענדגילטיקן אַראָפּוואַרפן נאַפּאָלעאָנען האָט לודוויק דער 18־טער געשמועסט מיט טאַלייראַנען מכוח דער נייער פּאַרלאַמענט־פאָרם וועלכע מען האָט זיך געקליבן איינשטעלן אין לאַנד.

דער קעניג האָט געטראַכט צו פאַרוואַנדלען די פונקציע פון די דעפּוטאַטן אין אַן אויסשליסלעכן כבוד־ענין; אַז דאָס זיין אַ דעפּוטאַט זאָל געשען פאַר גישט באַצאָלט, אומזיסט.

— אומזיסט? — האָט פּראָטעסטירט טאַלייראַן — דאָס וועט קאָסטן זייער טייער!...

דער רייטער און דאָס פערד.

נאָכן פאַלן פון נאַפּאָלעאָנען זענען אָפּט אַרויס־געשווומען פּראָיעקטן וועגן אַ פּאָליטיש־מיליטע־רישער פאַרייניקונג צווישן ענגלאַנד און פראַנק־רייך. מען האָט געהאַלטן, אַז די צוויי לענדער האָבן אַ גרויסן אינטערעס צו שליסן אַזאַ בונד, אַ דאַנק וועלכן עס וועט ענדלעך אַ סוף נעמען צו דעם יאָרהונדערטער לאַנגן שטרייט, וואָס האָט זיי אַזוי אָפּט פונאַנדערגעטיילט און אַז אין רעזול־טאַט פון אַזאַ בונד וואָלטן ביידע לענדער גע־קענט ממש דאָמינירן די וועלט.

אין שייכות מיטן דאָזיקן פּראָיעקט האָט מען זיך געווענדעט צו טאַלייראַנען און אים געבעטן זאָגן, וואָס ער טראַכט וועגן דעם:

— איך טראַכט אויך — האָט ער געענטפערט — אַז אַזאַ אָפּמאַך וואָלט געווען אַ גאָר גרויס געשעעניש. ענגלאַנד און פראַנקרייך דאַרפן זיין אַזוי געאייניקט, ווי דער רייטער און דאָס פערד! אוודאי — האָט טאַלייראַן צוגעגעבן — איז זייער וויכטיק נישט צו זיין דאָס פערד...



אַ נישט געבעטענער גאַסט.

דער גרינדער פון דער היינטיקער שוועדישער דינאַסטיע, דער געוועזענער פראַנצויזישער אָפי־ציר און נאַפּאָלעאָנישער מאַרשאַל בערנאַדאָט, ווערט אויפגענומען אַלס דער טראָן־יורש פון שוועדן און באַטייליקט זיך דערנאָך אין דער מל־חמה קעגן זיין אייגן פאָטערלאַנד, כדי אַ סוף צו מאַכן צו נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט.

אין יאָר 1817 קומט ער אינקאָגניטאָ קיין פאַריז וווּ ער האָט געהאַט אַ סך פריינד אָבער די מער־הייט זאָגט זיך אָפּ אים אויפצונעמען.

אַ געוויסן טאָג איז ער אַוועק זען זיינע אַ יוגנט־פריינדין, די מאַרקיזע קואַזלאַן אין איר האָטעל אויפן פּלאַץ קאָנקאָרד נומ. 4.

אַז מען האָט איר מיטגעטיילט וועגן וויזיט פון גראַף וואַזאַ (בערנאַדאָט׳ס שוועדישער טיטול) האָט די מאַרקיזע זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס נישט ווער דאָס איז, איך קען נישט דעם מענטשן.

— מאַדאַם, — האָט מען איר פּרובירט אויפצו־קלערן — דאָס איז דער שוועדישער טראָן־יורש, וואָס באַוויליקט אייך צו באַזוכן אינקאָגניטאָ.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי עס פירט זיך אין שוועדן — האָט די מאַרקיזע געענטפערט —

אָבער אין פּאַריז, ביי מיר, נעם איך אויף נאָר די יעניקע וועלכע איך האָב אַליין איינגעלאַדן.

און דער מאַרשאַל בערנאַדאָט (וואָס איז איי־ניקע הדשים שפּעטער געוואָרן קעניג פון שוועדן)



איז אַוועק נישט האָבנדיק געזען די מאַרקיזע. די טירן פון האָטעל האָבן זיך פאַר אים נישט גע־וואָלט עפענען.

מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן.

טאַליראַן וואָס האָט געדינט מערערע פּאָליטישע רעזשימען, האָט דערביי אָנגעזאַמלט אַ גאָר גרויס פאַרמעגן.

בעת מען האָט אַ מאָל אין אַ פאַריזער געזעלשאַפט געשמועסט און זיך געוווּנדערט אויף טאַליראַנס רייכטום, פרעגנדיק:

— פון וואָס אייגנטלעך איז ער געוואָרן אַזוי רייך?

איז געקומען אַן ענטפער:

— נישטאָ אויף וואָס זיך צו וווּנדערן; ער האָט פאַרקויפט די אַלע, וואָס האָבן אים געקויפט!...

ס'איז אַ גרויסער אונטערשיד.

אַז עס איז אָנגעקומען קיין פּאַריז די ידיעה וועגן נאַפּאָלעאָנס טויט, האָט מען אומעטום גע־הערט זאָגן:

— וואָס פאַראַ געשעעניש, וואָס פאַראַ געשעע־ניש!

— ניין — האָט טאַליראַן רעאַגירט אויף די רייד — ס'איז בלויז אַ ידיעה ווי אַ סך אַנדערע. ווען נאַפּאָלעאָנס טויט וואָלט פאָרגעקומען מיט צען יאָר פריער, דאַן וואָלט עס געווען אַ גע־שעעניש.

*

אַ כאַראַקטעריסטיק.

ווי ס'איז באַוווּסט, האָט טאַליראַן פון זיין קינד־הייט אָן געלאָמט.

ווען ער איז געשטאָרבן, האָט אים וויקטאָר הוגאָ אַזוי כאַראַקטעריזירט:

— אַ וואָגיקע פערזענלעכקייט וואָס איז געווען איידל ווי מאַקיאַוועלי, גייסטרייך ווי וואָלטער און הינקענדיק ווי דער טייוול. מען קען אפילו זאָגן, אַז אַלץ אין אים האָט געהינקט, פונקט ווי ער גופא.

##ביידע חלומען דאָס זעלבע.

דער גרויסער אַקטיאָר טאַלמאַ איז ביז אין די סאַמע לעצטע יאָרן פון זיין לעבן נישט געווען צופרידן פון זיינע טעאַטער־קרעאַציעס און כסדר געזוכט די ריכטיקע ראָלע... אין וועלכער ער זאָל קענען באַווייזן אויף וואָס ער איז פעאיק.

איז ער עס טאַקע געווען דער, וואָס האָט גע־בעטן דעם זייער יונגן דיכטער וויקטאָר הוגאָ, ער זאָל פּרובירן אָנשרייבן פאַר אים אַ טעאַטער־ווערק.

— קיינער ווייסט נישט וואָס איך וואָלט געווען, אויף וואָס פאַראַ הויך איך וואָלט אַרויפגעשטיגן, ווען איך וואָלט געפונען דעם מחבר, וועלכן איך זוך — האָט דער קינסטלער געזאָגט צום פינף און צוואַנציק־יעריקן וויקטאָר הוגאָ — דער אַק־טיאָר איז גאָרנישט אָן דער ריכטיקער ראָלע און איך וועל שטאַרבן, נישט האָבנדיק זי גע־שפּילט קיין איינציק מאָל אפילו. איר, הער וויק־טאָר הוגאָ, זענט יונג און דרייסט, מען האָט מיר דערציילט, אַז איר שרייבט אַ טעאַטער־פּיעסע „קראָמוועל״; וואָס איז עס פאַר אַ ווערק?

— דאָס וואָס איר חלומט צו שפּילן — האָט דער יונגער דיכטער אים געענטפערט — איז גראָד דאָס, וואָס איך חלום אָנצושרייבן!



דער פּאָטער און דער זון.

דער סקולפּטאָר זשאַן הודאָן, אַ מחבר פון אַ סך באַרימטע ווערק, האָט אויך געשאַפן די סקולפּ־טור פון זיצנדיקן וואָלטער, וועלכע מיר באַוווּנ־דערן תמיד אין דער "פראַנצויזישער קאָמעדיע". הודאָן איז געווען אַ שטענדיקער פרייער אַריינ־קומער אין דעם טעאַטער און זייער אַ חשובער גאַסט אויף אינטימע פייערלעכקייטן. איין מאָל אויף אַזאַ פייערלעכקייט, בעת הודאָן איז געקומען אין טעאַטער אַריין, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ נייעם טעאַטער־אָנגעשטעלטן, וואָס האָט נאָך נישט גע־קענט דעם קינסטלער און וואָס האָט פון אים פאַרלאַנגט די איינלאַדונגס־קאַרטע אויף אַריינ־צוגיין אין זאַל אַריין.

הודאָן האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט; אַן איינלאַדונגס־קאַרטע? ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט מיט זיך אַזאַ זאַך.

— איך בין דער... דער פאָטער פון אים — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער סקולפּטור פון זיצנדיקן וואָלטער.

דער נייער טעאַטער־אָנגעשטעלטער איז אַריין אין זאַל אין וועלכן עס זענען שוין געווען פאַר־זאַמלט אַ סך געסט און מיט דער גאַנצער ערנסט־קייט אַנאָנסירט:

— הער וואָלטער, דער פאָטער!

אַ שוואַכער עסער.

שאָפּען האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין נוד־ניקעס און אויך נישט די פאַרשידענע סתם־צו־שטייענדיקע מענטשן.

אַ געוויסן טאָג איז ער געוואָרן איינגעלאַדן צו אַזאַ פּערזאָן און צוליב עפּעס אַ סיבה נישט גע־קענט אָפּזאָגן זיך פון קומען; איז ער געזעסן אין דער געזעלשאַפט אין אַ נישט זייער געהוי־בענער שטימונג. נאָכן אָוונט־ברויט האָט די מאַ־דאַם פון הויז, וואָס איז געווען זייער שטאָלץ פון האָבן אַזאַ גאַסט, אים געבעטן עפּעס שפּילן.

שאָפּען האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קלאַוויר און אויסגעפירט זיין סאַמע קלענסטן מאָטיוו (די זיבעטע פּרעלודיע), וואָס באַשטייט אינגאַנצן נאָר פון זעכצן טאַקטן.

— אָ, — האָט די גאַסט־געבערין געשטוינט — אַזאַ קליין שטיקעלע?

— מאַדאַם, — האָט זיך שאָפּען פאַרענטפערט — איך האָב ביים אָוונט־ברויט, קוים עפּעס וואָס פאַרזוכט...

אַ דעליקאַטער מענטש...

די פרוי פון באַרימטן שרייבער שאַטאָבריאַן האָט זיך אַ מאָל אַזוי אויסגעדריקט וועגן איר מאַן:

— ער איז אַזוי דעליקאַט, דאָס אויב איך גע־פין מיך נישט אין שטוב, וועט ער נישט אַרויס־רעדן קיין שלעכט וואָרט אויף קיינעם!

אַ וועג וואָס נאַרט אָפּ.

די געביידע פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע אין וועלכער עס זיצן די פערציק אומשטערבלעכע, געפינט זיך אַנטקעגן דעם לוור, דעם גרויסן מו־זיי און דערפאַר טאַקע, האָט מען די בריק וואָס פאַרבינדט די צוויי אינסטיטוציעס, אָנגערופן ״די בריק פון קונסט״.

אין 1836 ווען די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע האָט גראָד געהאַלטן ביים אויסוויילן אַ נייעם אומ־שטערבלעכן, האָט וויקטאָר הוגאָ, וואָס איז דאַן סך הכל אַלט געווען פיר און דרייסיק יאָר, אַרויס־געשטעלט זיין קאַנדידאַטור אויף געוויילט צו ווערן און איז אַדורכגעפאַלן. דריי מאָל האָט דער שריי־בער אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אין דער אַקאַדעמיע און איז נישט געוויילט געוואָרן. ווען ער איז צום דריטן מאָל אַדורכגעפאַלן, האָט ער אויס־גערופן:

— און איך בין געווען אַזוי נאַאיוו און גע־גלויבט, אַז דער וועג אין דער אַקאַדעמיע פירט דורך דער בריק פון קונסט!...

זיין אייגענע שולד.

באַקומענדיק אַ מאָל אַן איינלאַדונג פון טראָן־יורש, דעם פּרינץ פיליפּ אָרלעאַן, צו קומען אין זיין פּאַלאַץ אויף אַ גרויסן באַל, האָט אַלעקסאַנדער דיומאַ זיך דערלויבט מיטצוברענגען זיינע אַ גע־ליבטע, אַ פּאַריזער אַקטריסע; ס'איז געווען אַ פאַרבינדונג וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהאַלטן איניקע יאָר צייט.

די האַנדלונג פון שרייבער איז געווען אַן ערנס־טער ברוך אין דער איינגעשטעלטער הויף־עטי־קעטע און האָט אַרויסגערופן אַ שטילע אומצו־פרידנקייט.

פּאַרטאָגס, ביים געזעגענען זיך, זאָגט דער פּרינץ צום שרייבער:

— מיין ליבער דיומאַ, איך צווייפל נישט אויף קיין איין רגע, אַז די דאַמע וועלכע איז געקומען מיט אייך, איז טאַקע אייער פרוי!...

און דער שרייבער, וואָס האָט בכלל נישט גע־טראַכט וועגן חתונה־האָבן, האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי גלייך חתונה האָבן מיט דער אַקטריסע, וועלכע ער האָט אַזוי אומ־פאָרזיכטיק מיטגענומען מיט זיך אויפן באַל.

מכוח אייגנטום.

אין יאָר 1840 איז פּרודאָן אַרויסגעקומען מיט זיין באַרימטן זאָג, אַז "אייגנטום איז גנבה"!

קורץ דערנאָך, בעת אַ סיכסוך מיטן שרייבער און פּאָליטיקער פעליקס פּיאַט, האָט ער אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ. אַלס ענטפער האָט פעליקס פּיאַט צוריק דערלאַנגט פּרודאָנען אַ שווערן פּאַטש, אויסשרייענדיק דערביי:

— האַלט אים אייך אַלס אייער אייגנטום!

אויף וואָס אַ צוקוקער האָט אויסגערופן:

— ער האָט דאָך אָבער דעם פּאַטש נישט געגנבעט!...

דער סוף פון אַ דינאַסטיע.

פּאַריז האָט פאַרמאָגט אַ דינאַסטיע פון... תּלינים וואָס האָבן אויסגעפירט די טרויעריקע פונקציע אין פאַרלויף פון גאַנצע הונדערט און זעכציק יאָר צייט, איבערגעבנדיק זי פון פאָטער צום זון.

דאָס איז געווען די משפּחה סאַנסאָן וואָס צוויי פון זיי האָבן זיך אַזוי באַרימט געמאַכט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און וועמענס נעמען מיר האָבן שוין פריער דערמאַנט.

אין יאָר 1817 האָט דעם אַמט פון תּליון איבערגענומען דער זיבעטער סאַנסאָן לויט דער ריי און ער איז אויך געווען דער לעצטער פון דער דינאַסטיע, וואָס האָט "געקיניגט" ביזן יאָר 1847. דאָס איז געווען אַ מאַן וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פאַרשידענע אַזאַרט־שפּילן און שטענדיק זיך גענויטיקט אין געלט. אין יאָר 1847, בעת ער האָט געדאַרפט אויספירן אַן עקזעקוציע איבער אַ צום טויט פאַרמשפּטן, האָט ער נישט געהאַט די גיליאָטינע... נויטיקנדיק זיך אין געלט, האָט ער זי פאַרמשכּנט!...

אוודאי האָט עס נישט געראַטעוועט דעם פאַרמשפּטן; אָבער דער תּליון האָט פאַרלוירן דעם פּאָסטן און מיט אים, האָט זיך געענדיקט די דינאַסטיע, וואָס האָט געקיניגט הונדערט זעכציק יאָר צייט און וואָס האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט אויפן פּאַן פון די טראַגישע געשעענישן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

מכוח מאָנומענטן.

אין רעזולטאַט פון אַ שמועס וועגן דעם ביז גאָר טראַגישן גורל פון אַ סך באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געליטן און זייַנען שווער געפּייניקט געוואָרן פון די צייַט־מענטשן פאַר זייערע נייַע אידעען און אַנטדעקונגען, האָט דער דיכטער בעראַנזשע געווידמעט די מאַרטירער פאָלגנדיקע פיר פערזן:

מען פאַרפאָלגט זיי און מען טויט זיי.

און דערנאָך ערשט, באַגרייפט מען דעם אומזין.

שטעלט מען זיי מאָנומענטן, אָך און ווײַ,

וואָס רימען דעם... מענטשלעכן מין!

מכוח אַן איבערגעקערטן פיאַקער...

אַז מען האָט דעם 23־טן פעברואַר 1848 מיט־געטיילט דעם קעניג לואי פיליפּ, אַז אין פּאַריז פאַרשטאַרקן זיך די אומרוען און אַז אויף געוויסע ערטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן באַריקאַדן, האָט ער געהויבן מיט די פּלייצעס.

— איר רופט אָן באַריקאַדן עפּעס דאָרט אַ פיאַקער וואָס אייניקע הפקר־יונגען האָבן איבערגע־קערט ?

אויף צו מאָרגנס, דעם 24־טן פעברואַר, טאַקע צוליב די זעלבע הפקר־יונגען איז לואי פיליפּ גע־ווען געצוואונגען צו אַנטלויפן פון פּאַריז.

ס׳איז געפּערלעך...

אין יאָר 1848, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אומרועו אויף די פּאַריזער גאַסן, האָבן טונקעלע עלעמענטן, אין מאָמענט פון בהלה, אָנגעהויבן אויסנוצן די אומרועו אויף איבערפאַלן געוועלבער און רויבן.

אין אַזאַ מאָמענט, בעת ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און אומרועו, איז דער דאָן זייער באַרימטער שרייבער באַרבעי ד׳אָרווילי, וואָס איז אויך געווען באַקאַנט אַלס שטיפער, פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ טואַלעט־ביידל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ ביי דער נאָטר־דאַם. די זקנה, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן הייזל און געצויגן דערפון איר פּרנסה, איז געזעסן אין דרויסן פאַרן אַריינגאַנג און רואיק געשטריקט.

— מאַדאַם, — האָט זיך באַרבעי ד׳אָרווילי געווענדעט צו דער אַלטער פרוי, איר וואָלט געדאַרפן פאַרמאַכן, מען הייבט שוין ווידער אָן ראַבירן !...

עס שטימט.

באַרבעי ד׳אָרווילי האָט אַ מאָל אַרומשפּאַצירט אַ גאַנצע נאַכט מיט זיין פריינד, דעם מאַרקיז דע מאָדען.

לסוף, דערפילנדיק זיך מיד, האָבן זיי באַשלאָסן אַהיימגיין און ביים געזעגענען זיך האָט דער שרייבער אויפמערקזאָם געמאַכט זיין פריינד אויף דער בלאַסקייט פון דער לבנה.

— נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן — האָט דער מאַרקיז דע מאָדען זיך אָפגערופן — זי איז אויף אַזוי פיל נעכט !....



אַ גאַלאַנטער קאַוואַליר.

באַרבעי ד׳אָרווילי האָט אַ מאָל אָוונט־צייט שפּאַ־צירט אויף די בולוואַרן. פּלוצים איז צו אים צו אַ גאַסן־מיידל און אָנכאַפּנדיק אים פאַרן אָרעם, אָנגעהויבן בעטן:

— ראַטעוועט מיך, איך בעט אייך! עס קומט פאַר אַן אָבלאַווע; אויב איר וועט אַוועקנעמען אייער אָרעם, וועט מען מיך גלייך אַרעסטירן. זייט אַ גוטער.

— כ׳בין גליקלעך נאָכצוקומען אייער פאַרלאַנג — האָט ד׳אָרווילי מיט אַ וויכטיקער מינע גע־רעדט צום מיידל און געלאָזט זיך פירן געאָרעמט.

די פּאָליציי האָט פאַרשעריש באַטראַכט דאָס פּאָרל און איז פאַרביי.

פאַר זיכערקייט וועגן האָט ד׳אָרווילי, כסדר געאָרעמט, אַריבערגעפירט די גאַסן־פרוי אויף דער אַנדערער זייט בולוואַר און דאָ, שוין אויפן טראָ־טואַר, האָט ער צו איר געזאָגט:

— איצט געזעגענען מיר זיך; איר זענט ביי זיך אין דער היים...

ס'איז זייער הויך!

ווען דער פּרינץ לואי באָנאַפּאַרט (דער שפּע־טערדיקער נאַפּאָלעאָן דער דריטער) איז גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848 געקומען קיין פּאַריז, איז ער איינגעשטאַנען אין אַ וווינונג אויפן פּלאַץ וואַנדאָם.

די מאַדעמואַזעל זשאָרזש, אַ געוועזענע באַרימ־טע אַקטריסע, וואָס איז אין איר יוגנט געווען נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס אַ געליבטע, איז געקו־מען באַזוכן דעם פּרינץ, וואָס האָט געזוכט צו ירשנען דעם טראָן פון זיין באַרימטן פעטער.

דער פּרינץ האָט צוגעפירט די מאַדעמואַזעל זשאָרזש צום פענצטער און ווייזנדיק אויף דער וואַנדאָם־קאָלאָנע, אויף וועמענס שפּיץ עס געפינט זיך נאַפּאָלעאָנס סטאַטוע, האָט ער איר געזאָגט:

— איך פאַרברענג מיין טאָג אין קוקן אַרויף...

— ס'איז זייער הויך!... האָט די מאַדעמאַוועל זשאָרזש באַמערקט.



גזעץ און לעגאַליטעט.

נאָך דער פאַרשווערונג קעגן דער צווייטער רע־פובליק און אַדורכגעפירטן פלעביסציט האָט נאַ־פּאָלעאָן דער דריטער באַקומען זיבן מיט אַ האַלבן מיליאָן שטימען וואָס האָבן אנערקענט די צווייטע אימפעריע מיט אים אַלס קיסר. קעגן אים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קנאַפּע זיבן הונדערט טויזנט שטימען.

נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט דאַן אַזוי פאַר־ענטפערט זיין דורכגעפירטע מלוכה־איבערקערע־ניש:

— כ׳בין אַוועק פון דער לעגאַליטעט, כדי קע־נען אָנהויבן צו האַנדלען לויטן געזעץ...

ס'איז קיינער נישטאָ...

קורץ נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט אַדורכגעפירט די מלוכה־איבערקערעניש פון 2־טן דעצעמבער, וואָס האָט געקאָסט אַ סך אומ־שולדיק בלוט, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג — די ערשטע נאָך דער איבערקערעניש — פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע.

אַ גרויסער פאַרערער פון וויקטאָר הוגאָ, פאַר וועמענס קאָפּ די רעגירונג האָט באַשטימט אַ הויכע געלט־סומע און וואָס האָט זיך קוים געראַ־טעוועט, אַנטלויפנדיק קיין אויסלאַנד — איז אַל־פרעד דע מיסע, אויך אַ מיטגליד פון דער אַקאַ־דעמיע, געקומען צו דער זיצונג און ווי נאָר דער פאָרזיצער האָט דערקלערט די פאַרזאַמלונג פאַר דערעפנט, האָט ער הויך אַ פרעג געטאָן:

— אַנטשולדיקט הער פאָרזיצער, צי איז דער הער וויקטאָר הוגאָ פאַראַן אינעם זאַל?

דער פאָרזיצער האָט אין פאַרלעגנהייט געשוויגן.

— ניין? ער איז נישטאָ? אויב אַזוי, גיי איך אויך אַוועק — האָט אַלפרעד דע מיסע דערקלערט און זיך פאַרנומען אויף צו פאַרלאָזן דעם זאַל.

— אָבער פאַרוואָס טוט איר עס? — האָבן אייניקע אַקאַדעמיקער אים געפרעגט — פאַרוואָס פאַרלאָזט איר די זיצונג פון דער אַקאַדעמיע?

— אויב דער דיכטער וויקטאָר הוגאָ איז דאָ נישטאָ, איז דאָ קיינער נישטאָ — האָט אַלפרעד דע מיסע הויך אָפּגעענטפערט!

דער קאַרגער.

ס'איז באַוווסט אַז אַלעקסאַנדער דיומאַ איז גע־וועזן אַ געוואַלטיקער געלט־פאַרשווענדער און קיין שום זאַך האָט אים נישט אַזוי אויפגערעגט ווי זען קאַרגשאַפט.

זאָל־זשע דאָ דערציילט ווערן:

נאָך אַ געענדיקטער טעאַטער־פאָרשטעלונג האָט אַ. דיומאַ זיך צונויפגעטראָפן ביי דער גאַרדע־ראָבע מיט אַ באַקאַנטן פיל־פאַכיקן מיליאָנער און געזען ווי דער גביר, באַקומענדיק זיין מאַנטל, גרייט זיך צו דערלאַנגען דעם באַדינער פופציק סענטים.

שטאַרק אויפגעבראַכט, האָט דער שרייבער אַרויסגעכאַפּט אַ גאָלדענעם הונדערט פראַנק־שטיק, אין יענע טעג אַ גאָר גרויסע סומע און עס דער־לאַנגט דעם באַדינער.

— דער הער איז זיך טועה! — האָט דער באַ־דינער, אַ צערודערטער פון דער גרויסער סומע, זיך אָפּגערופן צום ברייטהאַרציקן אַ. דיומאַ.

— ניין, מיין פריינד, איך בין מיך שוין ווייט נישט טועה — האָט דער שרייבער אויסגערופן הויך, אַז איטלעכער אַרום זאָל עס הערן און אָנ־ווייזנדיק אויפן גביר, אויסגערופן — דאָס איז דער הער זיך טועה!


100

צווישן דראַמאַטורגן...

אַלעקסאַנדער דיומאַ האָט אַ מאָל בייגעווינט אַ ספּעקטאַקל אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע און באַמערקט צווישן פּובליקום אַ שלאָפנדיקן.

— זעט נאָר, זעט נאָר — האָט זיך דער שרייבער געווענדעט צום מחבר פון דער פּיעסע, אַ געוויסן סומע, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון אים — אייער פּיעסע שלעפערט דאָך איין!...

אויף צו מאָרגנס האָט מען גראָד געשפּילט אַ פּיעסע פון אַלעקסאַנדער דיומאַ און ביידע מחברים האָבן זיך ווידער געטראָפן אין טעאַטער.

אין מיטן ספּעקטאַקל רופט זיך סומע אָן צו אַלעקסאַנדער דיומאַ:

— נעכטן האָט איר מיר אָנגעוויזן אויף אַ שלאָפנדיקן אין זאַל; אָט האָט איר, אויף אייער אייגענער פּיעסע, אויך איינעם וואָס שלאָפט!

אַלעקסאַנדער דיומאַ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון קוקן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג און זיך אָנגערופן:

— יענער? דאָס איז דאָך דער זעלבער פון נעכטן. ער האָט ווייזט אויס זיך נאָך אַלץ נישט אויפגעוועקט...



דער איינציקער אויסטויגער.

ס׳איז באַוווּסט, אַז דאָס מיידל אַלפאָנסינע פּלע־סיס, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס מאַר־גאַריטע גאָטיע („קאַמעליען־דאַמע") האָט ביים לעבן רואינירט אַ סך מענער, וואָס האָבן אויף איר אויסגעגעבן ביז אַ לעצטן גראָשן.

אין אַ שמועס וואָס איז אַ מאָל פאָרגעקומען צווישן דעם מחבר פון דער „קאַמעליען־דאַמע" אַלעקסאַנדער דיומאַ מיט זיין פאָטער, האָט דער לעצטער אַזוי געזאָגט צו זיין באַרימטן זון:

— דו, מיין קינד, ביסט יעדנפאַלס געווען דער איינציקער מאַן, וועמען מאַרגאַריטע גאָטיע האָט אַריינגעברענגט ריווח...

דער קיסר און דאָס פערד.

צו די סאַמע טאַלענטירטסטע זשורנאַליסטן וואָס זענען אַריין אין דער געשיכטע, — געהערט אָן ספק אַנרי ראָשפאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ לינק־געשטימטער רעפובליקאַנער און געענ־דיקט ווי אַ רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט.

אין יאָר 1868 האָט אַנרי ראָשפאָר אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין פּאַריז זיין זשורנאַל "די לאַמטער" דורך וועלכן ער האָט אָנגעפירט אַ צעשמעטערנ־דיקע קאַמפּאַניע קעגן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, וואָס האָט דערשטיקט די רעפובליק.

אין יענע טעג איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו שטעלן נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן אַ מאָנומענט, וואָס זאָל פאָרשטעלן דעם קיסר, אַ רייטנדיקן אויף אַ פערד.

אַנרי ראָשפאָר איז דאַן אַרויסגעקומען אין זיין "לאַמטער" מיט פאָלגנדיקע שורות:

"ווי מיר דערוויסן זיך, האָט די רעגירונג באַ־שלאָסן אויפצושטעלן אַ פערד־סטאַטוע פונעם קיסר".

אָן חכמות...

דער פראַנצויזישער זשורנאַליסט אָרעליען שאָל איז געווען זייער באַרימט מיט זיין סאַטירע און שאַרפע, שטעכיקע רעפּליקן.

אַ טאָג האָט מען אים באַקענט מיטן דענקער וויקטאָר קוזען. דער פילאָזאָף, וואָס האָט געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן זיך און נישט זייער קיין געהויבענע וועגן אַנדערע און אויך נישט וועגן אָרעליען שאָל, האָט געזאָגט צום לעצטן:

— ס׳איז מיר אָנגענעם זיך מיט אייך צו באַ־קענען, מאָנסיע שאָל. כ׳האָב אייך געלייענט, כ׳מוז אייך אָבער זאָגן, אַז כ׳האָב נישט זייער ליב קיין חכמות.

— איך ווייס עס, מייסטער — האָט שאָל גע־ענטפערט — כ׳קען אייערע ווערק!

מכוח קאַרגשאַפט.

אָרעליען שאָל פלעגט אָפט איינגעלאַדן ווערן אין פאַרשידענע היימען און סאַלאָנען ווו מען האָט געוואָלט האָבן דאָס פאַרגעניגן צו הערן זיינע ווערטלעך און שאַרפזיניקע אויסדרוקן.

איין מאָל אויף אַ מאָלצייט האָט ער, ווייזט אויס, זיך געפונען אין נישט קיין זייער גוטער שטימונג און כסדר געשוויגן.

— מען הערט אייך היינט גאָרנישט! פאַרוואָס איר, וואָס זענט אַזוי גייסטרייך.

— מיין פריינד — האָט אָרעליען שאָל זיך אָפּגערופן — מען קען זיין גייסטרייך און נישט ליב האָבן עס צו פאַרשליידערן; פאַראַן מענטשן וואָס האָבן זייער פיל געלט און זענען ס׳רוב זייער קאַרג.

אַן עצה וועגן גוטע געשעפטן.

אין אַ שמועס מיט אייניקע בערזע־לייט וואָס האָבן זיך געקלאָגט אויף שלעכטע געשעפטן, האָט זיי אָרעליען שאָל געעצהט:

— קויפט אויף וואָס מער מענטשלעכע געוויסנס פאַרן פרייז וואָס זיי זענען ווערט און פאַרקויפט זיי פאַרן פרייז וועלכע זיי שאַצן זיך... איר וועט מאַכן גאָלדענע געשעפטן!

ער ווייס נישט.

אָרעליען שאָל האָט זיך אַ מאָל אַזוי אויסגע־דריקט וועגן אַ באַקאַנטן, וואָס איז געווען זייער אַן אָפּגעלאָזענער מענטש:

— ער ווייס אַבסאָלוט נישט וואָס צו טאָן מיט זיינע צען פינגער, ער ווייס אַפילו נישט וואָס מען טוט מיט די נעגל!...



עס וואָלט געווען גלייכער.

אַלעקסאַנדער דיומאַ־זון האָט אַ מאָל אין אַ שמועס מיט אָרעליען שאָל אים דערציילט, אַז אַ געוויסער ראָמאַניסט וואָס שרייבט אַ סך און שרייבט שלעכט, האָט אים געגעבן זיין לעצטן ראָמאַן אויף איבערצולייענען.

— ער וואָלט געטאָן אַ סך, אַ סך גלייכער — האָט אָרעליען שאָל באַמערקט — ווען ער גיט אים אייך אויף אָנצושרייבן.



אַן איינבילדונג.

אַ געוויסן אָוונט, בעת די קאָמונע־געשעענישן אין פּאַריז, האָבן אַ גרופּע שרייבער און פּאָליטי־קער געשמועסט ביי וויקטאָר הוגאָ אין דער וווינונג מכוח אַ מעגלעכקייט אָפּצושטעלן, אַ סוף צו מאַכן צו די קאָמונע־קאַמפן.

— איך האָב אַן עצה — האָט זיך וויקטאָר הוגאָ מיט אַ מאָל אָפּגערופן — זי וועט אומבאַדינגט מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה... איך וועל אַרויף אויף דער ערשטער בעסטער באַריקאַדע און מיך לאָזן דערשיסן, דאַן — האָט דער געוואַלטיק אין זיך איינגעגלויבטער פּאָעט צוגעגעבן — וועלן די קאָ־מונע־קאַמפן אויפהערן, ס׳וועט זיין געענדיקט!

— יאָ, — האָט זיך אַריינגעמישט אָרעליען שאָל, וואָס האָט זיך אויך געפינען צווישן די פאַרזאַמלטע — פאַר אייך, הער הוגאָ, וועט די קאָמונע זיין גע־ענדיקט... פאַר אייך!

דער דיכטער און דער אַרכיטעקט.

ראָג רי ווערבואַ און רי סען מאַרטען זעט מען אַ הויכן, דיקן טורעם וואָס איז איינגעמויערט אין דער געבײַדע פון הײַנטיקן מוזיי פאַר "קונסט און פּראָפעסיע". דער טורעם, פיין רעסטאַווּרירט, שטאַמט נאָך פון 12־טן י. ה. און איז אַן איבער־בלײַבעניש פון אַ קלויסטער, וואָס האָט זיך דאָ אַמאָל געפונען און וואָס האָט אַ לאַנגע צײַט גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פּאַריז.

אין יאָר 1880, בעת מען האָט פונאַנדערגע־וואָרפן די לעצטע רעשטן פון דער אַלטער געבײַ־דע, האָט דער אַרכיטעקט וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אויך פונאַנדערוואָרפן דעם אַלטן טורעם. דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט וויקטאָר הוגאָ, וואָס האָט זיך דער־ווּסט וועגן דעם פּראָיעקט; ער האָט אינטער־ווענירט בײַם פּאַריזער שטאָט־ראַט, מען זאָל דעם טורעם, אַן אינטערעסאַנטער מוסטער פון 12־טן י. ה. פאַרשוינען.

אין זײַן בריוו צו דער פּאַריזער שטאָט־פאַר־וואַלטונג האָט וויקטאָר הוגאָ געשריבן:

"פאַרניכטן דעם טורעם? חלילה! דעם אַרכי־טעקט!"



דער פּאַריזער שטאָט־ראַט האָט זיך צוגעהערט צו דער ביטע פון מחבר פון ראָמאַן "נאָטר־דאַם דע פּאַרי" און פאַרשוינט דעם טורעם און אויך... דעם אַרכיטעקט.

לסוף איז וויכטיק צו דערציילן, אַז דער אַרכי־טעקט, קעגן וועמען וויקטאָר הוגאָ האָט אַזוי גע־ברויזט, איז געווען זיינער אַ... קרוב.

אַ צו טייערע וווינונג.

די לעצטע פיר יאָר פון זיין לעבן האָט וויקטאָר הוגאָ געוווינט אין אַ קליינעם האָטעל אויף דער אַוועני, וואָס טראָגט היינט צו טאָג זיין נאָמען, נומ. 124.

נישט ליב האָבנדיק דעם טומל און אומאָרדענונג פון איבערטראָגן זיך אין אַ נייער וווינונג, האָט דער פּאָעט געטראַכט אָפּצוקויפן דעם האָטעל, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון עפּעס אַ פירשטין.

די לעצטע איז מסכים געווען צו פאַרקויפן דאָס הויז, פאַר וועלכן זי האָט זיך אָבער געהייסן באַצאָלן, צו יענער צייט, אַ פאַנטאַסטישע סומע געלט: גאַנצע זיבן הונדערט פופציק טויזנט פראַנק!

— זיבן הונדערט פופציק טויזנט פראַנק! — האָט וויקטאָר הוגאָ אויסגערופן אַן איבערראַשטער — פאַרוואָס אַזוי פיל געלט?

— ס׳איז בחצי־חינם — האָט אים די פירשטין פאַרזיכערט — ס׳איז אומזיסט!

— אַזאַ ריזן־סומע און איר רופט עס אָן בחצי־חינם, אומזיסט? — האָט וויקטאָר הוגאָ נישט אויפגעהערט צו שטוינען.

— אָן ספק; טוט אַ טראַכט, מייסטער! אָט־אָ דער קליינער האָטעל האָט געהאַט דעם כבוד באַ־

ווינט צו ווערן דורך דעם גרויסן דיכטער וויק־טאָר הוגאָ!

— לײדער, מאַדאַם — האָט זיך הוגאָ צע־שמייכלט — בין איך נאָך נישט אַזוי רייך, כ'זאָל מיר קענען קויפן אַ הויז אין וועלכן עס האָט געוווינט אַזאַ פּאָעט!

אַ גליקלעכע געליבטע.

זשוליעטע דרוע, די באַרימטע געליבטע פון וויק־טאָר הוגאָ, האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין און צו ליידן פון איר געליבטן, וואָס האָט צוליב איי־פערזוכט אַ לאַנגע צייט איר נישט דערלויבט אויפצונעמען ביי זיך קיין מענטשן און אוודאי נישט, אַרויסצוגיין אויף דער גאַס אַליין.

ליידנדיק צוליב דער געוואַלטיקער אָפּגעריסנ־קייט פון דער וועלט און מענטשן, בעת וויקטאָר הוגאָ האָט געפירט אַנדערע ראָמאַנען, וועגן וועלכע זי פלעגט זיך סוף כל סוף דערוויסן, האָט די דאָ־זיקע זייער פאַרליבטע פרוי, זיך אַ מאָל אָפּגערופן צו איר געליבטן מיט אַ סך איראָניע אין איר שטימע, איינהאַלטנדיק קוים די טרערן:

— זאָל זיין אַזוי ווי ס׳איז; כ׳בין אָבער באמת גליקלעך פון דעם וואָס דו באַוויליקסט מיך צו מאַכן אומגליקלעך...

אַ מאָמענט וואָס האָט געדויערט לאַנג.

ס׳איז באַוווּסט די גרויסע ראָלע וואָס עס האָט געשפּילט אינעם לעבן פון וויקטאָר הוגאָ זשוליעטע דרוע; ס׳איז געווען אַ ליבע און אַ פאַרבינדונג וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צו זייערביידנס טויט.

נאָכן טויט פון זשוליעטע דרוע, וואָס איז געשען מיט קורצע וואָכן פאַרן טויט פונעם דיכטער גופא, האָט דער פּאָעט געשריבן וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער מערקווירדיקער פרוי און דערביי זיך אויסגעדריקט:

״ס׳איז געווען אַ מאָמענט, וואָס האָט געדויערט פופציק יאָר!״.

מכוח רעקלאַמע.

אין יאָר 1867 ווען וויקטאָר הוגאָ האָט אָפּגע־ריכט גלות אויפן ענגלישן אינזל גערנעזי, האָט זיך אין אַ פּאַריזער צייטונג באַוויזן אַ ידיעה, אַז דער דיכטער איז געשטאָרבן.

מיט אַכצן יאָר שפּעטער, ווען וויקטאָר הוגאָ האָט אין עלטער פון 83 יאָר אויסגעהויכט זיין נשמה און דאָס לאַנד איז געווען פאַרזונקען אין טרויער, האָט די זעלבע צייטונג געשריבן:

„מיר זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן מיט־געטיילט דעם פראַנצויזישן פאָלק וועגן טויט פון דיכטער!"...

אַ נעקראָלאָג.

אַז וויקטאָר הוגאָ איז געשטאָרבן, האָט די פּאַ־ריזער קאַטוילישע צייטונג „לאַ קרואַ" (דער צלם) אַזוי וועגן דעם געשריבן, דעם 23־טן מאַי 1885:

„וויקטאָר הוגאָ איז געשטאָרבן אום איינס מיט פינף און דרייסיק מינוט. ער איז געוועזן דער גרעסטער דיכטער פון אונדזער יאָרהונדערט. שוין אַריבער דרייסיק יאָר אַז ער איז געוועזן משוגע. זאָל זיין משוגעת אים דינען אויף אויסצופּועלן מחילה ביים רבונו של עולם. לאָמיר באַדויערן די וואָס פאַרגעטערן אים און לאָמיר פאַרן גע־שטאָרבענעם תפילה טאָן".

פאָטער און זון.

בעת אַ שמועס וועגן זיין באַרימטן טאַטן האָט אַלעקסאַנדער דיומאַ זיך אַ מאָל אַזוי וועגן אים אויסגעדריקט:

"דאָס איז געווען אַ גרויס קינד, וואָס כ׳האָב געהאַט, ווען כ׳בין נאָך געווען זייער קליין!".

אין טעאַטער.

דאָס איז געשען אין אַ פּאַריזער טעאַטער מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק. אימעצער פון פּובליקום האָט פּלוצים אָנגעהויבן אויספייפן די האַנדלונג אויף דער סצענע.

דער פּאָליסמאַן וואָס האָט זיך געפינען אין זאַל האָט אָנגעהויבן רופן:

— ווער דערלויבט זיך עס צו פייפן?

— "די רעכט קויפט מען צוזאַמען מיטן בילעט"
— האָט אימעצער, אין דער פינצטערניש, אָפּגעענטפערט.

— ווער איז עס, וואָס זאָגט אַזוי? — האָט דער פּאָליסמאַן גערופן.

— אַזוי זאָגט מעסיע בואַלאָ! — איז געווען דער ווייטערדיקער ענטפער.

— זאָל מעסיע בואַלאָ תיכף פאַרלאָזן דעם זאַל — האָט דער שומר גערופן, נישט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַ סך פון צווישן פּובליקום האָבן פּלוצים אָנגעהויבן לאַכן און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז דער מעסיע בואַלאָ, וועמען ער האָט אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן דעם זאַל, לעבט שוין נישט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר.

אַן אייביקער קאַנדידאַט.

עמיל זאָלאַ האָט אומבאַדינגט געוואָלט ווערן איי־נער פון די פערציק אומשטערבלעכע און יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך אין דער אַקאַדעמיע גע־גרייט צו נייע וואַלן, האָט דער שרייבער אַרויס־געשטעלט זיין קאַנדידאַטור, אָבער ער האָט נישט באַקומען די גענוגנדיקע צאָל שטימען אויף אויס־געוויילט צו ווערן. ער האָט געליטן איין דורכפאַל נאָכן צווייטן.

ניינצן מאָל האָט עמיל זאָלאַ קאַנדידירט און איטלעכס מאָל אַדורכגעפאַלן.

וואָס מער ס'איז געשטיגן זיין שרייבערישער טאַלאַנט, וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן זיין פער־זענלעכקייט, אַלץ... ווייניקער שטימען האָט ער באַקומען!

לסוף, ווען ער האָט צום 19־טן (און לעצטן) מאָל אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אויף גע־ווילט צו ווערן אין דער אַקאַדעמיע, האָט ער באַקומען נאָר איין שטימע!...



אויף אַן אויסשטעלונג.

דער פראַנצויזישער מלוכה־פרעזידענט אַרמאַן פאַליער האָט אַמאָל וויזיטירט אַן אויסשטעלונג פון מאָלעריי. די פערזאָן וואָס האָט אים געדאַרפן געבן אויפקלערונגען איז געווען נישט קיין אַנדע־רער ווי דער באַרימטער מאָלער סיזלע.

דער פרעזידענט ווערט אויפגענומען מיט אַ גרוי־סער צערעמאָניע; מען שטעלט אים פאָר אַ סך קינסטלער און באַרימטהייטן וואָס זענען איינגע־לאַדן געוואָרן לכבוד זיין וויזיט. לסוף פרעגט סיזלע:

— הער פרעזידענט, זענט איר גרייט צו זען די אויסשטעלונג?

— זיכער, זיכער — רופט זיך אַרמאַן פאַליער אָן — לאָמיר אָנהויבן; איך גיי אייך נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן!



דער מאָלער און זיין מאָדעל.

דער מאָלער דעגאַ איז אַ מאָל געווען איינגע־לאַדן אויף אַ חתונה פון זיינער אַ מאָדעלקע. ער פלעגט זי כמעט שטענדיק זען אַ האַלב אויסגע־טאָענע אָדער אין גאַנצן אַ נאַקעטע, גרייט צו פּאָ־זירן, אָדער פּאָזירנדיק און דאָס מאָל, האָט ער דאָס מיידל געזען, ממש צום ערשטן מאָל אַ פול־שטענדיק אָנגעטאָענע.

— זי איז דאָך באמת זייער, זייער שיין — האָט דער מאָלער זיך נישט אויפגעהערט צו אַנטציקן — איך זע ערשט איצט אַז זי איז שיין...

אַ בינטל היי.

אין דער טיפער עלטער איז מען געקומען אָנ־זאָגן דעם מאָלער דעגאַ (דעגאַס), אַז זיינס אַ בילד איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קאָלאָסאַלער סומע, פאַר מיליאָנען.

מען איז אָבער געווען אַנטשטוינט צו זען, אַז דער מאלער איז נישט איבערגענומען פון דער ידיעה. אַז זי לאָזט אים כמעט גלייכגילטיק.

דעגאַ האָט דאַן אויפגעקלערט:

— וואָס האָט אַ פיין ראַסע־פערד, ווען עס געווינט פאַר זיין בעל־הבית אַ גרויסע געלט־סומע בעת אַ פערד־געיעג? עס האָט דערפון גאָר־נישט! אַבסאָלוט גאָרנישט! עס באַקומט דאָס זעלבע בינטל היי ווי אַלעמאָל... נו, מיין ביסל היי האָב איך שוין באַקומען פון לאַנג.

צופעליק.

ס'איז באַוווסט דער צווייפל צי שעקספּיר איז טאַקע געווען דער מחבר פון די ווערק וואָס גייען אָן אַלס זיינע.

אַזוי איז אויך אַרויסגעשווומען אַ ספק צום נאָמען האָמער; אַז נישט ער זאָל עס האָבן גע־ווען דער מחבר פון דער "אָדיסייע" און "איליאַ־דע". פאַראַן אַפילו אַזעלכע וואָס האַלטן אַז דער בלינדער גריכישער דיכטער האָמער זאָל בכלל קיינמאָל נישט האָבן עקזיסטירט.

אין שייכות דערמיט האָט מען זיך אַמאָל גע־ווענדעט צו אַנאַטאָל פראַנס, וואָסט האָט געשמ'ט פאַר אַ קענער פון דער אַלטער גריכישער קולטור און געבעטן אים זאָגן זיין מיינונג:

— איז האָמער יאָ, אָדער נישט דער מחבר פון די אויסגערעכנטע ווערק?

— לויט מיין מיינונג — האָט געענטפערט אַנאַ־טאָל פראַנס — איז האָמער נישט דער **אמתער** מחבר פון די דערמאָנטע ווערק. זיי זענען אָנגע־שריבן דורך אַן אַנדערן מענטשן, וואָס איז אויך געווען אַ גריך, ער איז אויך געווען בלינד און האָט צופעליקערהייט, אויך געהייסן... האָמער.

געטאָן אַ טובה.

דער הומאָריסט אַלפאָנס אַלעס איז אַ מאָל געזעסן אויף דער טעראַסע פון אַ פּאַריזער קאַפע און האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט אַ פריינד.

ס'איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אָרעמאַן, וועלכער האָט, דערזעענדיק דעם שרייבער, אַראָפּגעכאַפּט דעם הוט פון קאָפּ און זיך פאַר אים טיף פאַרנויגט.

— דו קענסט דעם בעטלער? — האָט דער פריינד געפרעגט.

— ס'איז אַן אומגליקלעכער מאַן וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פרוטה ביי דער נשמה און וואָס איז מיר דאַנקבאַר פאַר אַ זאַך וואָס כ'האָב פאַר אים געטאָן.

— וואָס האָסטו עס פאַר אים געטאָן?

— כ'האָב אים אַבאָנירט אויף דער "צייטונג פון רענטיערן".

עס ענדערט זיך.

מען האָט אַ מאָל געפרעגט ביים נאָך יונגן אַל־פאָנס אַלעס:

— ווי אַלט זענט איר?

— ליידער קען איך עס אייך נישט זאָגן — האָט ער אָפּגעענטפערט — עס האַלט זיך אין איין ענדערן...

אַנדערש ווי בײַ אונדז...

טײלנדיק זיך מיט די אײנדרוקן פון זײַן ער־שטער רײזע קײן לאָנדאָן, האָט אַלפאָנס אַלעס איבערגעגעבן:

— ס'איז מאָדנע. מיר אין פּאַריז גיבן אונדזערע גאַסן און פּלעצער נעמען לויט נצחונות, למשל: אַווני יענאַ, אַווני וואַגראַם, רי דע ריוואָלי א. א. וו. בײַ די ענגלענדער איז פּונקט פאַרקערט; זײ רופן גאָר אָן זײערע לאָנדאָנער גאַסן לויט מפּלות, טראַ־פאַלגאַר, וואַטערלאָ א. א. וו.

נישט געהאַלטן וואָרט.

דער פּאָעט שאַרל פּאָמעראַל האָט אַ מאָל אַרויס־געשטעלט זיין קאַנדידאַטור אויף געוויילט צו ווערן אין דער אַקאַדעמיע.

דעם דיכטערס פרוי האָט דאַן פאַרזיכערט יעדן אַקאַדעמיקער:

— אויב מיין מאַן וועט נישט אויסגעוויילט ווערן, וועט ער עס נישט איבערלעבן; ער וועט שטאַרבן!

שאַרל פּאָמעראַל איז... נישט אויסגעוויילט גע־וואָרן און ביי אַ פרישער געלעגנהייט האָט ער אויף דאָס ניי אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור.

און ווען די פרוי פונעם דיכטער האָט ווידער פּרובירט אינטערווענירן ביי די אַקאַדעמיקער מכוח שטימען פאַר איר מאַן, דערוגטער אויך ביים דיכ־טער פראַנסואַ קאָפּע, האָט דער לעצטער איר דערקלערט:

— איך קען אייך דאָס מאָל נישט געבן קיין שום צוזאָג, ווייל ער גופא האָט זיין צוזאָג נישט געהאַלטן...



אין פאַל פון אַ שרפה.

מען האָט אַ מאָל געפרעגט דעם צייכענער און קאַריקאַטוריסט פאָרען:

— ווען עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ שרפה אין לוווּר־מוזיי, וועלכע דריי בילדער וואָלט איר פּרובירט אַרויסראַטעווען?

— די וועלכע וואָלטן זיך געפונען אַמנאָענטסטן צו דער טיר — האָט פאָרען, נישט טראַכטנדיק לאַנג, אָפּגעענטפערט.

קונים און סוחרים.

פאַרען האָט זיך אַ מאָל דערוווּסט, אַז אַ געוויסע פּאַריזער צייטונג וואָס האָט כמעט נישט געהאַט קיין לייענער, באַקומט פונדעסטוועגן גרויסע געלט־סומעס פון פאַרשידענע קוועלן.

— מערקווירדיק! — האָט ער אויסגערופן — ס׳איז אַ צייטונג וועלכע קיינער קויפט נישט און וואָס פאַרקויפט זיך צו איטלעכן.

אַ קאָנסוליום.

דער צייכענער און קאַריקאַטוריסט דערען איז געלעגן שווער קראַנק און געהאַלטן ביים שטאַרבן.

צווישן די פריינד וואָס זענען אים געקומען זען, האָבן זיך אויך געפונען אייניקע דאָקטוירים, וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיין בעט און אים באַטראַכט.

— דאָס האַרץ קלאַפּט גאַנץ נאָרמאַל — האָט איינער פון זיי באַשטעטיקט.

— דאָס אָטעמען איז אויך רעגולער — האָט זיך אויסגעדריקט אַ צווייטער דאָקטאָר.

— אויך דער פּולס איז זייער אַ גוטער — האָט אַ דריטער פריינד באַשטעטיקט.

— מיט איין וואָרט — האָט זיך אָפּגערופן דער גוסס — איך זע, אַז איך שטאַרב אין אַ וווּנדער־באַר געזונטן צושטאַנד...

מכוח אַן אינטערוויו.

צום פראַנצויזישן פּאָעט און ראָמאַנטיקער טעאָדאָר בענוויל איז אַ מאָל געקומען אַן אַמעריקאַנער בעטן אַן אינטערוויו מכוח דעם פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם.

— ווי גרויס, וויפל צייט ווילט איר פאַר דעם אינטערוויו? — האָט זיך אינפאָרמירט דער דיכטער.

— כ'וויל ביי אייך נישט אַוועקנעמען קיין סך צייט. כ'בעט אַן אינטערוויו פון אַכט, זעכסטנס צען מינוט;

— גוט, גוט... וועט איר, בעט איך אייך, מיר געבן אַ פופצן טעג צייט, כדי כ'זאָל אייך קענען צוגרייטן די אינטערוויו אויף אַכט־צען מינוט.

גוט אַרומגערינגלט...

קלעמאַנסאָ איז געווען זייער שטרענג צו זיינע מיניסטאָרן, וואָס פלעגן פאַר אים פשוט מורא האָבן.

אַ געוויסן טאָג האָט די רעגירונג איינגעאָרדנט אַ יאַגד, צו וועלכער עס זיינען געווען איינגעלאַדן אַ סך פערזענלעכקייטן. אָנגעהויבן האָט זיך די פאַרוויילונג מיט אַ רייך סערווירטן פרישטיק.

צווישן די געסט האָט זיך אויך געפונען דער ראָמאַניסט פאָל ברילאָ וועמען קלעמאַנסאָ האָט זייער געשאַצט. דער "טיגער" ווענדט זיך צו אים:

— זאָגט מיר, מיין ליבער ברילאָ, זענט איר אַ גוטער שיסער?

— ניין, אין גאַנצן נישט. כ׳בין אויף דעם געביט אַ גרויסער שלים־מזל. כ׳בין מיך מודה, הער פרעזידענט, אַז כ׳בין אַפילו אַ געפאַר פאַר מיינע שכנים!

— נעמט עס אייך נישט צום האַרצן — האָט קלעמאַנסאָ געשמייכלט — כ׳וועל אייך אַריינשטעלן צווישן צוויי פון מיינע מיניסטאָרן!...

אומפּאַרטרעטלעך.

בשעת אַ זיצונג פון מיניסטאָרן־קאַבינעט מיטן פּרעמיער קלעמאַנסאָ בראש איז אַרויסגעשווומען די פראַגע פון אַראָפּנעמען אַ זייער אָנגעזעענע פערזענלעכקייט פון זיין אַמט.

— מען קען עס אויף קיין פאַל נישט טאָן! — האָבן אייניקע מיניסטאָרן דערקלערט — דער מענטש איז אַבסאָלוט אומפאַרטרעטלעך!

— אומפאַרטרעטלעך? — האָט קלעמאַנסאָ אויסגערופן — די בית־עלמינס זענען פול מיט אַזעלכע אומפאַרטרעטלעכע מענטשן!

ליכט און פינצטערניש.

דאָס קליינע גערטנדל ביי דער פאַריזער וווי־נונג פון זשאָרזש קלעמאַנסאָ האָט זיך געגרענעצט מיט אַ גאָרטן וואָס האָט געהערט צו גלחים.

אַ געוויסן טאָג האָט קלעמאַנסאָ זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו זיינע שכנים:

"מיינע הערן! אין אייער גאָרטן איז פאַראַן אַ טויטער בוים, וועמענס גרויסע צווייגן פאַר־שטעלן מיר די ליכט און דעם הימל".

ווי נאָר דאָס בריוול איז אָנגעקומען צו די גלחים, האָט מען דעם טויטן בוים אָפּגעשניטן.

קלעמאַנסאָ, וואָס איז געווען, ווי באַוווסט, אַ גרויסער קעגנער פון קלער, האָט דאַנקענדיק דעם עלטסטן פון די גלחים פאַר אַנטקעגנקומען זיין ביטע, אָנגעהויבן זיין בריוול מיט פאָלגנדיקע ווער־טער:

"מיין פאָטער! איצט קען איך אייך אַזוי רופן, ווארעם איר האָט מיר געשענקט די ליכט...".

אויף וואָס דער עלטסטער פון די גלחים האָט אים געענטפערט:

"הער פרעזידענט! איך וועל זיין גליקלעך, אויב נאָכן שענקען אייך די ליכט, זאָל איך אויך קענען פאַר אייך עפענען די הימלען...".



ער איז זיך אַליין שולדיק.

אַז קלעמאַנסאָ האָט זיך דערוווּסט, אַז דער גע־נעראַל סאַראַי, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון פראַנ־צויזישן עקספּעדיציע־קאָרפּוס אין סאַלאָניקי, אַ מאַן פון אַריבער זעכציק יאָר, גייט חתונה האָבן מיט אַ יונג מיידל וואָס איז סך הכל נאָר 22 יאָר אַלט, האָט ער מיט אַ שמייכל אויסגערופן:

— נו, פון היינט אָן וועט דער גענעראַל האָבן גאַנצע צוויי פראָנטן צו פאַרטיידיקן!

דער שולדיקער.

דאָס געווינען די שלאַכט ביי דער מאַרנע איז געווען אַ רעזולטאַט פון געוואַלטיקער אָנשטרענגונג און מסירת נפש פון הונדערטער טויזנטער פראַנצויזן.

אַ ביסל שפּעטער האָט דער פראַנצויזישער מאַרשאַל זשאָפר, וואָס איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פראַנצויזישער אַרמיי בעת דער שלאַכט, זיך אַזוי אויסגעדריקט :

— קיינער ווייס נישט ווער עס האָט געוואונען די שלאַכט ביי דער מאַרנע. איך אָבער ווייס זייער גוט צו וועמען מען וואָלט געהאַט טענות און פאָרווורפן, אויב מיר וואָלטן די שלאַכט פאַרשפּילט !

מעשים און ווערטער.

הערנדיק ווי איינער האָט זיך אַ מאָל אויסגע־דריקט, אַז נאָר "די מעשים רעכענען זיך און נישט די ווערטער", האָט סאַשאַ גיטרי זיך אַריינ־געמישט:

— ס'ווייזט אויס, מיין הער, אַז איר האָט נאָך קיין מאָל נישט געשיקט קיין טעלעגראַמעס...

*

אַ סימן פון אינטעליגענץ.

אַ דאַמע האָט ביי אַ געלעגנהייט געפרעגט דעם דראַמאַטורג מאָנטערלען:

— ווי מיינט איר, מייסטער, איז אַן אינטעליגענ־טער מאַן אַ גוטער מאַטעריאַל אויף חתונה האָבן מיט אים?

— אַן אינטעליגענטער מאַן האָט נישט חתונה — האָט מאָנטערלען געענטפערט.

אַש און קוילן.

כדי צו געפעלן די פּראַנצויזן, האָבן די דייטשן אַהערגעבראַכט פון ווין, ווינטערצייט 1941, דאָס אַש פון פירשט פון רייכשטאַט, נאַפּאָלעאָן דעם ערשטנס יונג־פאַרשטאָרבענעם זון, באַרימט אַלס „אָדלערל".

ס'האָט דאַן אָנגעהאַלטן אַ שווערער ווינטער און מען האָט אַ סך געליטן פון קעלט. האָט זיך אויף איינעם פון די הייזער אויף די גרויסע פּאַריזער בולוואַרן באַוויזן פאָלגנדיקע אויפשריפט:

„גיט אונדז ווייניקער אַש און מער קוילן"...

אַ גלאַטער ענטפער.

— ווי קומט עס — האָט מען אַ מאָל געפרעגט בײַ דער גרויסער ראַשעל — וואָס אַרויסרופנדיק אַזוי פיל טרערן בײַ די צושויער פון אייערע פאָר־שטעלונגען, זעט מען אָבער קיין מאָל נישט קיין טרערן בײַ אייך גופא?

אויף וואָס ראַשעל האָט שטיפעריש אָפּגעענט־פערט:

— ווען איר וואָלט געוווּסט, מײַן פרײַנד, וויפל איך האָב אויסגעוויינט איבער די ציבעלעס, וואָס מײַן מוטער פלעגט מיר געבן צו שיילן, וואָלט איר פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך פאַרמאָג היינט נישט מער קיין טרערן!...



ער וואָלט אויסגעקליבן.

אין אַ פּאַריזער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען היינריך היינע, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס מכוח די פֿאַרשידענע אופנים פון טויט־שטראָף; מען האָט הייס דיסקוטירט מכוח דעם, וועלכע טויט־עקזעקוציע איז לייכטער; דאָס אומקומען דורך תליה, גיליאָטינע צי גאָר דורך אַ קויל פון אַ ביקס...

אין דער היץ פון דער דיסקוסיע האָט מען אַ פרעג געטאָן ביי היינריך היינע, וועלכע פון די דריי טויט־אופנים ער וואָלט אויסגעקליבן?

— איך וואָלט אויסגעקליבן אַ טעלער זופּ — האָט דער דיכטער געענטפערט.



מכוח פראָטעקציע.

היינריך היינע האָט אַ מאָל אַזוי געזאָגט:

— נישט געקוקט אויף דער סימפּאַטיע און פּראָטעקציע פון וועלכער איך געניס ביי פאַרשיידענע פאַרלעגער, וואָלט איך פונדעסטוועגן געשטאָרבן פון הונגער, ווען מיט מיר וואָלט זיך נישט באַשעפטיקט אַ געוויסער פיינער מאַן. דעם דאָזיקן מענטשן בין איך ביז גאָר דאַנקבאַר און ס׳איז אַ שאָד וואָס כ׳קען אים נישט קיין קוש געבן, ווייל דער דאָזיקער מענטש בין איך אַליין!

*

מכוח אַ פּראָפעסיע...

ערב שטאַרבן האָט היינריך היינע געהערט ווי זיין פרוי וויינט און בעט ביים רבונו־של־עולם ער זאָל מוחל זיין איר מאַן די באַגאַנגענע עבירות.

דער דיכטער האָט געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג און מיט די לעצטע כוחות אַרויסגערעדט:

— דאַרפסט נישט צווייפלען, מאַטילדע, דער רבונו־של־עולם וועט מיר זיכער מוחל זיין; דאָס איז דאָך זיין פּראָפעסיע!

מכוח אַ פּרייז.

סאַראַ בערנאַר וואָס האָט גאַסטראָלירט אין אַ סך לענדער, האָט לאַנגע יאָרן אויסגעמיטן צו באַזוכן דייטשלאַנד.

זי האָט נישט געקענט מוחל זיין די דייטשן דאָס איבערפאַלן פראַנקרייך אין יאָר 1870; דאָס אָפּרייסן עלזאַס־לאָטרינגען; די קאָנטריבוציע פון פינף מיליאַרד א. אַנד.

אַ געוויסן טאָג איז צו איר געקומען אַ דייטש, הער שטורץ און איר פאָרגעשלאָגן אַ טורנע איבער דייטשלאַנד.

סאַראַ בערנאַר האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט עס צו טאָן.

— אייער פּרייז, מאַדאַם, וועט זיין אונדזער פּרייז — קלערט איר אויף הער שטורץ — רופט אָן וועלכע סומע איר ווילט און איר וועט זי באַקומען!

— גוט, מיין הער, כ׳וויל פינף מיליאַרד!...

בעת אַ רעגן.

סאַראַ בערנאַר האָט געשמ׳ט מיט איר דאַר־קייט.

ווען מען האָט איר אַ מאָל, בעת אַ פּלוצים אויס־געבראָכענעם רעגן, אונטערגעטראָגן אַ שירעם, האָט זי שמייכלענדיק זיך אָפּגערופן:

— אָ, מיין הער, איך בין אַזוי דאַר, אַז כ׳ווער נישט פאַררעגנט. איך גליטש מיך אַדורך דורך די טראָפּנס...



דאָס לעצטע מיטל.

אַ געוויסע קורצע צייט האָט סאַראַ בערנאַר זיך אויפגעהאַלטן אין אַן אַפּאַרטעמענט וואָס האָט זיך געפונען אויפן דריטן עטאַזש.

האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז די ווינדע איז קאַליע געוואָרן און אַ פריינד וואָס איז איר געקומען באַזוכן, האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אַרויפצוגיין די אַלע טרעפּ. אַרויפקומענדיק אין דער הויך, האָט ער שווער־אָטעמדיק געזאָגט צו דער קינסטלערין:

— אָ, מאַדאַם סאַראַ, איר וווינט אַזוי הויך! דאָס האַרץ... דאָס האַרץ... — און ער האָט איבערגעריסן, כדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם.

סאַראַ בערנאַר, וואָס איז שוין דאַן ווייט אַריבערגעשטיגן אירע זעכציק יאָר, האָט אים געענטפערט:

— ליידער, מיין פריינד, איז דער הויכער עטאַזש דאָס לעצטע וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן, אויף קענען אַרויסרופן האַרץ־קלאַפּן ביי מענער!...



געפונען אַן עצה.

אין דער רי סען מאַרטען נומ. 199 האָט זיך געפונען אַ זאַל וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען "פאַלע דע פעט" און וואָס פלעגט פאַרדונגען ווערן אויף פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען. דעם 29־טן דעצעמבער 1913 איז דאָ אויפגעטרעטן שלום־עליכם.

דאָס איז געווען דער לעצטער באַזוך פון שרייבער אין פאַריז און ער האָט דאָ, פאַר אַן איבערפולטן זאַל, פאָרגעלייענט זיינע ווערק.

עס האָט זיך אויף קיין פאַל נישט געלאָזט איינשטעלן די נויטיקע שטילקייט און פון פאַרשידענע זייטן, האָט מען מערערע מאָל גערופן "העכער", "העכער".

צוליב די אויסרופן האָט שלום־עליכם פלוצים איבערגעריסן דאָס לייענען; ער האָט פאַרלאָזט די עסטראַדע און אַריינגייענדיק אין סאַמע מיט פון זאַל, האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול און אויסגערופן:

— איצט וועט שוין איטלעכער הערן!

און אַזוי, אויף דער שטול שטייענדיק, אין סאַמע צענטער פון זאַל, איז ער אָנגעגאַנגען מיטן ווייטערדיקן לייענען.



נישט געהאַט קיין מזל.

דער דראַמאַטורג אַנרי בערנשטיין איז צוריקגע־קומען פון זיינעם אַ באַזוך אין האָליוווד און טיילנ־דיק זיך מיט די איינדרוקן וועגן די באַגעגנטע פילם־אַקטיאָרן, האָט ער איבערגעגעבן:

— ווו כ׳בין נאָר געווען, ווו כ׳האָב מיך נאָר געגעבן אַ ריר, האָב איך אָנגעטראָפן אויף געניאַלע אַקטיאָרן, נאָר געניאַלע אַקטיאָרן. כ׳וואָלט כאָטש אָנגעטראָפן אויף אייניקע טאַלאַנטן! ליידער האָב איך נישט געהאַט דאָס מזל דערצו...

„איך און וויקטאָר הוגאָ".

טריסטאַן בערנאַר האָט ביי אַ געלעגנהייט זיך געוויצלט:

— נישט נאָר וואָס איך בין געבוירן אין בעזאַנסאָן, אין דער זעלבער שטאָט ווו מיין קאָלעגע וויקטאָר הוגאָ, נאָר מיר זענען אַפילו געבוירן אין דער זעלבער גאַס; ער, אין דער "הויפּט־גאַס" (גראַנד רי) נומ. 138 און איך, ווי דער אמת, בין געבוירן אַביסל באַשיידענער, ד. ה. אין הויז וואָס טראָגט אַ קלענערן נומער, סך הכל 23. אויף דעם הויז ווו וויקטאָר הוגאָ איז געקומען אויף דער וועלט, הענגט אַן אויפשריפט, וואָס אינפאָרמירט די דורכגייער אַז דאָ איז געבוירן דער גרויסער דיכטער און אויף דעם הויז אין וועלכן איך בין געבוירן, הענגט אויך אַן אויפשריפט, וואָס אינפאָרמירט די דורכגייער, אַז דאָ געפינט זיך די... גאַז־קאָמפּאַניע!

װעגן טױשן אַ נאָמען.

טריסטאַן בערנאַר איז אַ געװיסע צייט געװען אַ דירעקטאָר פֿון אַ פּאַריזער טעאַטער.

די פּיעסן װעלכע מען האָט בײַ אים אויפֿגע־פֿירט האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן דערפֿאָלג און מען פֿלעגט דאָס רוב שפּילן פֿאַר ליידיקע בענקלעך.

אַ טאָג האָט טריסטאַן בערנאַר געזאָגט צו אַ פֿריינד:

— איך האָב אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו ענדערן דעם נאָמען פֿון טעאַטער!

— װי אַזוי װילט איר אים אָנרופֿן?

— סאַהאַראַ בערנאַר...

מאָדנע חשבונות.

אין די טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, בעת ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די גזרות אויף יידן, האָט טריסטאַן בערנאַר אַזוי־אָ דעפינירט די אַנטי־יידישע געזעצן :

— מען חשבונט די בלאָק׳ס (בלאָד׳ס) און מען בלאָקירט די חשבונות!...

שרעק און האָפענונג.

זינט די דייטשע אַרמיי האָט באַזעצט פראַנקרייך און עס האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן די שווערע פאַרפאָלגונגען אויף יידן, האָבן טריסטאַן בערנאַר און זיין פרוי געלעבט אין גרויס שרעק. יעדער קלאַפּ אין טיר איז געווען אַ קלאַפּ אין האַרצן. גאָר ספּעציעל האָט די שרעק אָפּגעפּילט די פרוי פון שרייבער.

אַ געוויסן טאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זייער טיר און געהייסן עפענען. דאָס זענען טאַקע געווען די דייטשן, וואָס זענען געקומען נעמען דאָס שוין ווייט נישט יונגע פּאָרפאָלק.

דערזעענדיק די נאַציס, האָט די פרוי פון טריסטאַן בערנאַר אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען.

— וויין נישט, מיין ליבע — האָט דער שרייבער זיך ביי איר געבעטן — ביז היינט האָבן מיר געלעבט מיט שרעק און פון היינט אָן וועלן מיר לעבן מיט האָפענונג.

די יידישע נאָז.

אַז טריסטאַן בערנאַר איז אַ באַפרייטער אַרויס פון דראַנסי, האָט אין דרויסן, פאַרן לאַגער, אים אָפּגעוואַרט סאַשאַ גיטרי, וואָס האָט די באַפרייאונג אויסגעפּועלט ביי די דייטשן.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער טאָג און סאַשאַ גיטרי האָט געזען, אַז דעם באַפרייטן טריסטאַן בערנאַר איז נישט וואַרעם.

— איר וואָלט אפשר געדאַרפט אַ שאַל אַרום אייער האַלדז — האָט סאַשאַ גיטרי באַמערקט.

— גיכער אויף צו פאַרהילן מיין... נאָז — האָט טריסטאַן בערנאַר ביטער געשמייכלט צו זיין באַפרייער.



אינהאלט:

		זייט
1)	געפונען אַ טרייסט	8
2)	ער מישט זיך נישט	10
3)	דער טרויעריקער סוף פון אַ פריילעכן אָנהויב	12
4)	מכוח אַ ריכטער	13
5)	מכוח אָפּשטאַמונג	14
6)	דער סוף פון אַ מתנה	15
7)	מען זאָל נישט מיינען	17
8)	גוט און שלעכט	18
9)	דער האַר און דער דינער	19
10)	דער קאַרדינאַל, די שרייבערין און די קאַץ	20
11)	דאָס ריכטיקע מיטל	22
12)	נאַס און טרוקן	23
13)	אַ נוצלעכע באַמערקונג	24
14)	אַ קאַפּריז פון אַ האַר	25
15)	זיך שפּעט אַרומגעזען	26
16)	דער ענטפער פון פילאָזאָף	28
17)	אַ ביישפּיל	30
18)	שאַ, שטיל!	31
19)	דער חולה און דער רופא	32
20)	אַ געשיכטע פון אַ ליבע	34
21)	אַ נישט אויסגעפּאַלגטע עצה	36
22)	בעת אַן אויספאָרשונג	37
23)	מכוח קאַלירן	39
24)	מכוח אַ וווינונג	40
25)	דער קעניג און דער רבונו של עולם	42
26)	געזוכט דאָס גן־עדן	44
27)	די זקנה און דער קאָנטראַבאַנדיסט	46
28)	גאָרנישט...	48
29)	אייגענער און פרעמדער שכל	49
30)	ערשט אין הערבסט	50
31)	אַרום אַ שרפה	52

זייט

32) אַ געוועגלעכער מענטש 54
33) נישט־פאַרגינערישקייט 55
34) מכּוח ליבהאָבער פון נאַטור־וויסנשאַפט . 56
35) דער קעניג און דער דערפינדער 58
36) נישט גענוג געשיקט 60
37) מכּוח פריינד 62
38) אַ מאַשין אויף אָפּהאַקן קעפּ 63
39) די אומצופרידענע צוקוקערס 64
40) דאָס געוויסן פון תּליון... 66
41) אַ ביטע 68
42) דער לעצטער שפּאַס 69
43) ס'איז נאָר פון קעלט 70
44) געפונען אַן עצה 72
45) מען דאַרף נישט וויינען... 74
46) די פּאָליצײַ איז שולדיק 75
47) די רעכט פון קרבן 76
48) אַן צערעמאָניעס 78
49) דער איינציקער מאַן 79
50) ליבע און פּאָליטיק 80
51) אַ גאַלאַנטע ראַנדעוו 82
52) מכּוח איינלייג־געלט 84
53) אַ טרעפלעכער ענטפער 86
54) די זאַך איז פּשוט... 88
55) געזוכט און געפונען 90
56) אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ טובה... 93
57) דער פאַרשווערער און זיינע מיטהעלפער . 94
58) מען וואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק 94
59) אַרום אַ בריק 96
60) דער אָפיציר און דער באַדינער 98
61) דער זיגער איז גערעכט 100
62) די רעליגיע ווערט שוואַכער... 102
63) אַ האַלבער ברוגז 104
64) זי וועט זיך באַמיען 105
65) די אויסדעקאָלטירטע דאַמע 107
66) צו טייער... 107
67) דער רייטער און דאָס פערד 108

זייט

68)	אַ נישט געבעטענער גאַסט	110
69)	מען דאַרף זיך נישט ווונדערן	112
70)	ס'איז אַ גרויסער אונטערשיד	113
71)	אַ כאַראַקטעריסטיק	113
72)	ביידע חלומען דאָס זעלבע	114
73)	דער פאָטער און דער זון	116
74)	אַ שוואַכער עסער	117
75)	אַ דעליקאַטער מענטש...	118
76)	אַ וועג וואָס נאַרט אָפּ	119
77)	זיין אייגענע שולד	120
78)	מכוח אייגנטום	121
79)	דער סוף פון אַ דינאַסטיע	122
80)	מכוח מאָנומענטן	123
81)	מכוח אַן איבערגעקערטן פיאַקר...	124
82)	ס'איז געפערלעך...	125
83)	עס שטימט	126
84)	אַ גאַלאַנטער קאַוואַליר	128
85)	ס'איז זייער הויך !	130
86)	געזעץ און לעגאַליטעט	132
87)	ס'איז קיינער נישטאָ...	133
88)	דער קאַרגער	134
89)	צווישן דראַמאַטורגן	136
90)	דער איינציגער אויסטויגער	138
91)	דער קיסר און דאָס פערד	139
92)	אַן חכמות	140
93)	מכוח קאַרגשאַפט	141
94)	אַן עצה וועגן גוטע געשעפטן	142
95)	ער ווייס נישט	143
96)	עס וואָלט געווען גלייכער	144
97)	אַן איינבילדונג	146
98)	דער דיכטער און דער אַרכיטעקט	147
99)	אַ צו טייערע ווינונג	150
100)	אַ גליקלעכע געליבטע	152
101)	אַ מאָמענט וואָס האָט געדויערט לאַנג	153
102)	מכוח רעקלאַמע	154
103)	אַ נעקראָלאָג	155

זייט

104)	פאָטער און זון	156
105)	אין טעאַטער	157
106)	אַן אייביקער קאַנדידאַט	158
107)	אויף אַן אויסשטעלונג	160
108)	דער מאָלער און זיין מאָדעל	162
109)	אַ בינטל היי	163
110)	צופעליק	164
111)	געטאָן אַ טובה	165
112)	עס ענדערט זיך	166
113)	אַנדערש ווי ביי אונדז...	167
114)	נישט געהאַלטן וואָרט	168
115)	אין פאַל פון אַ שרפה	170
116)	קונים און סוחרים	171
117)	אַ קאָנסוליום	172
118)	מכוח אַן אינטערוויו	173
119)	גוט אַרומגערינגלט...	174
120)	אומפאַרטרעטלעך	175
121)	ליכט און פינצטערניש	176
122)	ער איז זיך אַליין שולדיק	178
123)	דער שולדיקער	179
124)	מעשים און ווערטער	180
125)	אַ סימן פון אינטעליגענץ	180
126)	אַש און קוילן	181
127)	אַ גלאַטער ענטפער	182
128)	ער וואָלט אויסגעקליבן	184
129)	מכוח פראָטעקציע	186
130)	מכוח אַ פראָפעסיע...	186
131)	מכוח אַ פרייז	187
132)	בעת אַ רעגן	188
133)	דאָס לעצטע מיטל	190
134)	געפונען אַן עצה	192
135)	נישט געהאַט קיין מזל	194
136)	איך און וויקטאָר הוגאָ	195
137)	וועגן טוישן אַ נאָמען	196
138)	מאָדנע חשבונות	197
139)	שרעק און האָפענונג	198
140)	די יידישע נאָז	199

Paris est réputé dans le monde comme la Ville-Lumière. Cette réputation lui vient des événements extrêmement riches qui se sont déroulés dans ses murs et des grands hommes qui y ont vécu, créé, rêvé, lutté et ri.

Le rire de ses grands hommes et de ses spirituels enfants est un feu d'artifice d'une rare beauté : ses merveilleuses couleurs nous éblouissent, et aussi la profondeur, la gaieté de l'humour et du génie français.

Un brin de ce génie, sous la forme d'anecdotes historiques, est ici présenté au lecteur juif de langue yiddich qui aime Paris, Ville-Lumière.

L'AUTEUR.

« Le présent ouvrage est édité sous les auspices de la Commission du Plan d'Action Culturelle grâce aux fonds du département culturel de la Claims Conférence ».

Ch. KORENCHANDLER

L'esprit parisien à travers les siècles

Illustrations de BENN

Paris 1965

ACHEVÉ D'IMPRIMER LE 7 MAI 1965
SUR LES PRESSES DE L'IMPRIMERIE
« LES ÉDITIONS POLYGLOTTES »
232, RUE DE CHARENTON, PARIS